The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XVIII No 7585 | Tuesday, May 26th, 1931 | יום ג', י' סיון, פרשה נשא, תרצ"א. | טאראנטא, דינסטאג דער 26־טער מאי, 1931. | PRICE THREE CENTS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MAY 28 1931
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

אידישע פרויען־הענדלער ווערען גע'יאגט פון ארגענטינע און אורוגוואי

העכסטער געריכט אין אורוגוואי גיט ארויס פאראָרדנונג אז ווייסע שקלאפען הענדלער מוזען באלד פארלאזען דאס לאנד. — פון ארגענטינע זענען זיי שוין פריהער ארויס־געטריבען געווארען. מיטלען ווערען אנגענומען ווערען זיי זאלען מעהר ניט קאנען אריינקומען.

מאנטעווידעא, אורוגוואי, מאי 25.

דאס היגע געריכט האט היינט פאר־ארדנעט אז די 140 אידישע ווייסע שקלאפען הענדלער, וועלכע האבען געזוכט צו באזעצען זיך אין אורוגוואי, נאכדעם ווי זיי זענען ארויסגעטריבען געווארען פון ארגענטינע, זאלען באלד דעפארטירט ווערען פון אורוגוואי, און זיי זאלען מעהר ניט אריינגעלאזען ווערען אין לאנד.

די דאזיגע פאראָרדנונג האט דאס העכסטע געריכט אין לאנד ארויסגעגעבען, אויף דעם אפיעל פון די ווייסע שקלאפען הענדלער, וועלכע האבען געוואלט אויסקעמפען אויף א געזעצליכען אופן זייער רעכט צו פארבלייבען אין אוראגוואי, און פון דאנען אנפיהרען ווייטער זייער שענדליכען האנדעל.

די 140 אידישע ווייסע שלאפען הענדלער זענען אלע מיטגלידער פון דער „באריה־מטער” צבי־מגדל געגענזייטיגע הילפס־געזעלשאפט. די דאזיגע געזעלשאפט האט עקזיסטירט געזעצליך אין ארגענטינע, און האט געצעהלט א מיטגלידערשאפט פון 450 מיטגלידער, פון וועלכע אלע זענען געווען פרויען־הענדלער. געגען דער דאזיגער ארגאניזאציע האט געקעמפט, אין פארלויף פון די פארגאנגענע 25 יאהר, די ארגענטינער אפטיילונג פון דער אינטערנאציאנאלער אידישער אסאסיאיישאן צו באשיצען פרויען און מיידלאך.

לעצטענס האט א ריכטער אין בוענאס איירעס ארויסגעגעבען א פאראָרדנונג צו ארעסטירען אלע מיטגלידער פון דער „צבי מגדל” געזעלשאפט. ארום 200 פון די חברה'לייט זענען זיך גלייך צולאפען קיין איירָאפּע, ארום 140 זענען אנטלאפען קיין אורוגוואי, און די איבעריגע וואס האבען געהאט בירגערשאפט־פאפירען אין ארגענטינע זענען דארט פארבליבען. דער אטיורני־דזשענעראל פון ארגענטינע פלאנט איצט צו צונעהמען ביי זיי זייערע בירגער־רעכט און זיי ארויסשיקען פון לאנד.

דער געהילפס אטיורני־דזשענעראל פון אורוגוואי איז היינט אויך אפגעפאהרען קיין בוענאס־איירעס, כדי צו קאנפערירען מיט'ן פאליציי פרעפעקט דארט, וועגען אננעהמען מיטלען צו פארמיידען אז די פרויען־הענדלער זאלען זיך מעהר ניט קענען צוריקקעהרען אין זייער לענדער.

דערמיט איז געמאכט געווארען א סוף צו א שענדליכער באוועגונג וועלכע איז געלעגען מעהרסטענס אין אידישע הענט.

6 געטויט פון עקסידענטען אין אנטעריא אין „וויקטאריא דעי”

אין פארלויף פון דעם נעכטיגען טאג, וועלכער איז געווען „וויקטאריא דעי”, זענען אין אנטעריא אומגעקומען 6 פערזאן, פון וועלכע דריי זענען געטויט געווארען אין פארשידענע עקסידענטען און דריי זענען דערטרונקען געווארען. פון די דערהרג'עטע איז פאראן איינער פון טאראנטא. דאס איז א 6 יאהריגער אינגעלע, רעגינאלד וויואלעט, פון 218 פאפלאר פלעינס ראוד.

די אנדערע וואס זענען געטויט געווארען זענען: טשארלס גארנער, פון 3214 דאנדעס סט. וועסט, און אגוסטוס סטאהאל, פון סאניוואַ פארם, טראפאלגאר. די דערטרונקענע זענען: סטענלי אווירוויו, פון קעמפ אווירוויו; גארדאן וויקעט. 9 יאר אלט, פון 128 ספרוס היל ראוד, און רעאלינא לאקאסע, פון סאדבורי.

עוואלוציע און ניט רעוואלוציע וועט אויפהאלטען בריטישע אימפעריע זאגט פרעמיער מעקדאנאלד

לאסמאוט, סקאטלאנד, מאי 25.

אדרעסירענדיג דא אן „עמפייער דעי” מיטינג, האט פרעמיער רעמזי מעקדאנאלד דערקלעהרט, אז די איינינקייט און די שטארקייט פון דער בריטישער אימפעריע קאן אויפגעהאלטען ווערען דורך עוואלוציע און ניט דורך רעוואלוציע. „וואס עס איז פאר אונז אמוויכטיגסטען צו פארמיידען, איז רעוואלוציע”, האט ער געזאגט, „און מיר דארפען אויסקלייבען אונזער וועג פון גראדועלער אנטוויקלונג אדער עוואלוציע”.

„א רעוואלוציע קומט נאר דאמאלסט”, האט ער ווייטער געזאגט, „ווען א פאלק דערוואכט צו זעלבסט־רעספעקט”.

ריידענדיג וועגען ענגלאנד און איהר קאנטראל איבער די דאמיניאנס און קאלאניעס, האט מעקדאנאלד געזאגט, אז עס וואלט צייט געווען, מען זאל שוין וויסען אין ענגלאנד, דאס „דער זייגער געהט ניט צוריק, נאר ער געהט פאראויס”. און ער האט דערביי געבראכט אמעריקע אלס ביישפיעל, ווי אזוי ענגלאנד האט דורך איהר שטרענגען קאנטראל, אינגאנצען פארלוירען די דאזיגע אמעריקאנישע קאלאניע. ער האט אויך געבראכט אלס ביישפיל אינדיע, וועלכע זוכט זיך צו באַפרייען, און עס וואלט געווען נאריש, ווען ענגלאנד זאל זיך איהר שטעלען אין וועג.

ער האט גערעדט וועגען הארמאניע צווישען דער גרויסער בריטישער אימפעריאלער משפחה, און „בלויז אויף אזא אופן קאן די גאנצקייט פון דער בריטישער אימפעריע אויפגעהאלטען ווערען. אבער ניט דורך שטרענגען קאנטראל”, האט ער פארענדיגט.

פארלירט דזשאב, טויטעט ער פרוי און 2 קינדער

וויניפעג, מאי 25.

ר. ס. וואוהט קעמראוו, וועלכער איז לעצטענס אנטזאגט געווארען פון זיין דזשאב, האט נעכטען ארויסגענומען זיין פרוי און זיינע צוויי מיידלאך פאר אן „אויטאמאביל ראייד”, און האט זיי אלעמען אויפ'ן וועג דערמארדעט. נאכדעם האט ער זיך אליין אריינגעווארפען אין וואסער און איז דערטרונקען געווארען.

א פיער יאריגער אינגעלע זיינער איז דוקא ארויס אומבאשעדיגט.

אין עלמוואוד, ארום וויניפעג, זענען צוויי 18־יעהריגע שוועסטער, היינט געפונען געווארען דערמארדעט אין זייער היים, דזשאהן סטרעיב, 44 יאר, האט זיך מודה געווען אלס מערדער. ער געפינט זיך איצט אין האספיטאל, ליידענדיג פון וואונדען, ווען ער האט זיך געוואלט נעהמען דאס לעבען.

שפאניע פארקלענערט די ארמעי

מאדריד, מאי 25.

דער קאבינעט האט היינט גוטגעהייסען דעם פלאן פונ'ם קריעגס־מיניסטער אזאנא, צו שניידען די שפאנישע געוועהנליכע ארמיי פון 16 דיוויזיעס אויף אכט. דאס וועט איינשפארען ארום 20 מיליאן דאלאר א־יאר.

גע'גט'ע פרוי פון רומענישען קעניג אויסגעשלאסען פון קעניגליכער האהענצאלערן דינאסטיע

בוקארעסט, מאי 25.

די אנגעצויגענע באציאונגען צווישען קעניג קארל און זיין גע'גט'ער פרוי העלענא, האבען היינט אנגענומען א נייעם כאראקטער, ווען דער קריעגס־מיניסטער, גענעראל אמאס־סטעפאנעסקו, האט ארויסגעגעבען א ספעציעלע פאראָרדנונג צו געוויסע רעגימענטען, פארבאטענדיג זיי צו פייערען דעם געבורטסטאג פון דער קעניגין, וועלכעס פאלט אויס דעם דאנערשטאג.

די דאזיגע פאראָרדנונג פונ'ם מיניסטער איז ארויסגעגעבען געווארען מיט דער גוטהייסונג פון פרעמיער יארגא און דעם קעניג גופא. א געזעץ־פראיעקט וועט אויך פארגעשלאגען ווערען אזוי שנעל ווי דער פארלאמענט וועט זיך פארזאמלען, אויסשליסענדיג דער קעניגין פון דער רומענישער האהענצאלערן דינאסטיע, און דאס מיינט אז זי וועט מעהר ניט זיין בארעכטיגט צו יענע טיטולען צו וועלכע בלויז א מיטגליעד פון קעניגליכער פאמיליע איז בארעכטיגט.

די צייטונג „פאטריא”, וועלכע ברענגט די דאזיגע נייעס, גיט אויך איבער, אז אין רעגירונגס־קרייזען האט די נייע פאראָרדנונג ארויסגערופען א שטארקע אומצופרידענהייט.

טעות אויסבעסערונג

דער ארטיקעל „דער פארגאנגענער שבועות”, וועלכער איז געווען געדרוקט אין אונזער נעכטיגער אויסגאבע, איז פון י. ברקאוי. צוליעב א טעות איז דער נאמען פון מחבר ארויסגעפאלען.

ראדיקאלער ציון־פירער וויל א קאאליציע פירערשאפט איינשליסענדיג רעוויזיאניסטען

דר. נחום גאלדמאן, פיהרער פון דייטשע ראדיקאלע ציוניסטען, פאדערט צו איינשליסען רעוויזיאניסטען אין קאאליציע פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. — מאכט די דאזיגע פאדערונג ביי קאנפערענץ פון פוילישען „על המשמר”. — אין 45 לענדער אויף דער וועלט וועהלט מען דעלעגאטען צו ציוניסטישען קאנגרעס.

ווארשע, מאי 25, (איטא).

דר. נחום גאלדמאן, פיהרער פון די דייטשע ראדיקאלע ציוניסטען, האט אין זיינער א רעדע ביי דער קאנפערענץ פון דעם פוילישען „על המשמר” געזאגט, אז וואס עס איז איצט נויטיג פאר דעם ציוניזם, איז א קאאליציע פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איינשליסענדיג די ציוניסטען־רעוויזיאניסטען.

120 דעלעגאטען זענען אנוועזענד געווען ביי דער קאנפערענץ.

לאנדאן, מאי 25, (איטא).

וואהלען פאר דעלעגאטען צום אלוועלטליכען ציוניסטישען קאנגרעס, הויבען זיך היינט אן אין ארום 45 לענדער פון דער וועלט. די וואהלען וועלען געדויערען ביז דעם 7־טען יוני.

די צאהל פון די דעלעגאטען פאר יעדען לאנד איז באשטימט געווארען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין איינקלאנג מיט דער צאהל שקלים וואס איז איינגעזאמעלט געווארען פון די יעהרליכע מעמבערשיפ „דיוס” צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און וואס איז פארקויפט געווארען אין יעדען לאנד אין פארלויף פון די פארגאנגענע צוויי יאר.

אמעריקע וועט, אויפ'ן באזיס פון 114,000 שקלים; האבען 38 דעלעגאטען; מזרח־גאליציע — 11 דעלעגאטען; טשעכאסלאוואקיע — 11; ענגלאנד — 10; דייטשלאנד — 9; סאוט אפריקע — 8; ליטע — 6; יוגאסלאוויע — 4; עסטרייך — 4; בעלגיע 2.

עס ווערט הערווארט אז פאלעסטינע זאל האבען 30 דעלעגאטען.

עס איז נאך ניט באקאנט וויפיעל דעלעגאטען עס וועט האבען פוילען, רומעניען און אייניגע אנדערע לענדער.

ניו יארק, מאי 25, (איטא).

אין די פאראייניגטע־שטאטען וועלען קיין וואהלען פאר'ן קאנגרעס ניט אפגעהאלטען ווערען. אלע ציוניסטישע פארטייען אין אמעריקע האבען זיך געאייניגט אויף א געאייניגטען „סלעיט”.

פון די 38 דעלעגאטען צו וועלכע אמעריקע איז בארעכטיגט וועלען די אלגעמיינע ציוניסטען האבען 20 דעלעגאטען: מזרחי — 8; פועלי־ציון — 5; צעירי־ציון, 3, און די רעוויזיאניסטען 2 דעלעגאטען.

ירושלים, מאי 25, (איטא).

18 דעלעגאטען וואס האבען געזאלט דערוויהלט ווערען פאר דעם אלוועלטליכען ציוניסטישען קאנגרעס, זענען היינט דיסקוואליפיצירט געווארען פון דער עלעקשאן־באארד, פונקט איידער די וואהלען האבען זיך אנגעהויבען, צו דערוועהלען דרייסיג דעלעגאטען צו וועלכע פאלעסטינע איז בארעכטיגט, איבער די 36 טויזענט שקל צאהלערס.

צווישען די וואס זענען אויסגעשלאסען געווארען זענען 10 רעוויזיאניסטען, 4 מזרחיסטען, 3 תמנים.

די קאנדידאטען זענען דיסקוואליפיצירט געווארען ווייל זיי האבען ניט ביי־געשטייערט צום קרן־היסוד, און ווייל זיי האבען ניט צוגעשטעלט די נויטיגע דאקומענטען.

קאנפערענץ וועגען אידישען „ספעלינג” געעפענט

ווילנע, מאי 25, (איטא).

אין א פארזוך צו שאפען א געאייניגטען סיסטעם פון אידישען „ספעלען” און ארויסריידען ריכטיג די ווערטער, איז דא היינט דערעפענט געווארען די אלוועלטליכע אידישע ארטאגראפישע קאנפערענץ, מיט דעלעגאטען פון די פאראייניגטע־שטאטען, פוילען, ליטע, לאטוויע און מיט די באטייליגונג פון דייטשע שפראכען אינ'ם ווילנער אוניווערזיטעט.

די קאנפערענץ איז דערעפענט געווארען אונטער דער אויפזיכט פון דעם אידיש־וויסענשאפטליכען אינסטיטוט.

צוויי פערזאן געפונען דערמארדעט אין א קוויבעקער שטעדטעלע

ניקאלעט, קוויבעק, מאי 25.

א דאפעלטער מארד, וועלכער איז ווארשיינליך באגאנגען געווארען נאך לעצטען מיטוואך, איז דא היינט אויפגעדעקט געווארען, ווען די קערפערס פון דעם רייכען פארמער דזיען בעפטיסט בעלראוז, 60 יאר אלט, און זיין פלימעניצע, 30 יאר אלט, זענען געפונען געווארען טויט אין זייער היים. די קעפ זייערע זענען צושמעטערט. זיין קערפער איז געלעגען באהאלטען אונטער א בארג היי, און איהרער, אויף די טרעפ פון קעלער איינגעוויקעלט בלויז אין א נאכט־העמד.

ווער, עס איז דעם מארד באגאנגען איז נאך ניט באקאנט. די פאליציי ווייסט אבער, אז ערשט לעצטע וואך האט בעלראוז אפגעזאגט זיינעם אן ארבייטער, און עס איז דאריבער געפאלען דער חשד אז ער איז עס באגאנגען דעם דאפעלטען מארד. וואו אבער דער אפגעזאגטער ארבייטער געפינט זיך איצט, איז אויך ניט באקאנט.

דער דאפעלטער מארד איז אויפגעדעקט געווארען, ווען מען האט געזעהן אז דעם פארמער'ס פערד און בהמות שלעפען זיך ארום הונגעריגע און ניט אין ארדנונג. מען איז גלייך אוועק צום פארמער אין הויז, און מען האט דארט געפונען ביידע טויטע קערפערס.

מאסליאנסקי'ס 75־טער געבורטסטאג געפייערט אין ניו יארק

ניו יארק, מאי 25, (איטא).

דער 75־טער געבורטסטאג פון רעווערענד מאסליאנסקי, איז זונטאג אוונט געפייערט געווארען מיט א באנקעט, ביי וועלכען פינף הונדערט מענער און פרויען זענען אנוועזענד געווען.

דר. וויצמאן, וועלכער איז געווען מאסליאנסקי'ס א שילער, איז געווען איינער פון די פיעלע וואס האבען צוגעשיקט קעיבל באגריסונגען.

סטרייק פון 210,000 ארבייטער

טאקיא, מאי 25.

דערפאר וואס די רעגירונג האט באשלאסען צו שניידען דעם געהאלט פון אלע רעגירונגס אנגעשטעלטע, האבען אלע אנגעשטעלטע פון דעם אייזענבאהן מיניסטעריום גלייך אריינגעגעבען זייערע רעזיגנאציעס, און 210,000 אייזענבאהן ארבייטער זענען אויך גרייט צו ארויסגעהן אין סימפאטיע סטרייק.

פויפסט וועט פראטעסטירען צו שפאניען

וואטיקאן סיטי, מאי 25.

דער פויפסט גרייט זיך צו אפשיקען א העפטיגען פראטעסט צו דער נייער שפאנישער רעגירונג, געגען דעם געזעץ וועלכער איז לעצטען פרייטאג פארעפענטליכט געווארען, און וועלכער גיט פולע רעליגיעזע פרייהייט צו אלע נאציאנאליטעטען אין לאנד.

דער פויפסט גלויבט, אז דער נייער שפאנישער געזעץ איז א ברוך פון דעם ספעציעלען אפמאך צווישען שפאניען און דעם וואטיקאן, לויט וועלכען בלויז די קאטוילישע קירך האט געהאט די פולע מאכט אין לאנד.

מאדריד, מאי 25.

איבער'ן גאנצען לאנד גרייט מען זיך שוין גאנץ שטארק צו די קומענדע וואהלען, אין עטליכע וואכען ארום. דער פיהרער פון די רעכטע רעפובליקאנער האט אין זיינער א רעדע דערקלעהרט, אז ווען אלפאנזא וואלט ניט געהאט אפגעדאנקט פון טראן וואלט ער געהאט דעם סוף פון לואיס דעם 16־טען פון פראנקרייך, און פון טשארלס דעם ערשטען פון ענגלאנד, וועלכע זענען דערמארדעט געווארען.

ניו־יארקער פאל[illegible]יסט שוין ווער האט דערמארדעט וויוויען גארדאן

ניו יארק, מאי 25.

ענדליך איז געלונגען דער היגער פאליציי צו אויפדעקען דעם שלייער אין וועלכען עס איז די גאנצע צייט געווען פארדעקט דער מארד פון דער ניו יארקער „בלעקמעיל”־אוואנטוריסטין וויוויען גארדאן.

דער טשיעף אף פאליס מולרוני האט נעכטען באקאנטגעמאכט, אז איהם איז געלונגען צו ארויסקריגען א ווידוי פון איינעם פון די מערדער, וועלכער האט איבערגעגעבען מיט אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי וויוויען גארדאן איז דערמארדעט געווארען. אלס רעזולטאט פון דעם דאזיגען ווידוי האט די פאליציי ארעסטירט די פאלגענדע פערזאנען וועלכע האבען געהאט א האנט אינ'ם מארד.

אויסער הערי, שטיין, וועלכער איז מיט א צייט פריהער „אינדאיטעד” געווארען אלס דער מערדער, זענען ארעסטירט געווארען, סעמועל גרינבערג, הערי שליטען, א שאפער, און איזידאר לואיס.

דער באנדיט וואס האט זיך מודה געווען איז הערי שליטען, און ער האט איבערגעגעבען דער פאליציי מיט אלע איינצעלהייטען ווי אזוי די דערמאנטע האבען דעם מארד דורכגעפיהרט. ער האט געטריבען די קאר אין וועלכער וויוויען גארדאן איז געקידנעפט געווארען.

רבי דזשיימס העלער היינט אווענט אין קינג עדווארד

רבי דזשיימס ג. העללער פון סינסינעטי, ציון פיהרער און ארעטאר, וועט זיין דער גאסט־רעדנער היינט אווענט, מאי 26־טען, 8 אזייגער, אין דעם אלעקזאנדרא האלל, קינג עדווארד האטעל, ארראנזשירט פון „הדסה” קאנסיל פון טאראנטא.

רבי העללער, געוועזענער טשערמאן פון דער ציוניסטישער נאציאנאלער עקזעקוטיווע אין די שטאטען, וועט ריידען איבער די טעמא „נאציאנאליזם און יוניווערסאליזם”, — זענען זיי זיך סותר אדער דערגענצען זיי זיך.

דר. העללער איז איינער פון די אידישע אינטעלעקטועלע כוחות אין אמעריקע, און איז שוין אמאל געווען אין טאראנטא, און אינטעליגענטע אידען דארפען ניט פארבייילאזען די געלעגענהייט צו קומען הערען דעם זעהר וויכטיגען פארטראג.

רעגירונג אין האנדוראס באזיגט די רעבעלען

טאגוסיגאלפא, האנדוראס, מאי 25.

די רעגירונג האט היינט באקאנט געמאכט, אז זי האט געהאט א גרויסען זיעג איבער די רעבעלען אין דעם געגענט פון טעלא, וועלכער איז א וויכטיגער פארט פון דעם „באנאנא ברעג”.

טראץ דעם וואס קיין איינצעלהייטען זענען ניט באקאנט, ווייסט מען אבער, אז שבת פריה האט זיך דער בלוטיגער קאמף צווישען די רעבעלען און די רעגירונגס־מיליטער אנגעהויבען. פון ביידע צדדים זענען געפאלען מאסען קרבנות, אבער דער רעזולטאט איז געווען, אז די רעבעלען האבען זיך געמוזט אונטערגעבען, און די רעגירונג האט צוריק פארנומען די וויכטיגע האפען־שטאדט פון טעלא.

ליבעראלער דעפוטאט וועט אנהויבען אגיטאציע טור געגען קלען

אטאווא, מאי 25.

דער ליבעראלער דעפוטאט דזש. פ. פאוליאט, האט געלאזט וויסען, אז ער גרייט זיך צו אנהויבען א רעדנער־טור איבער'ן גאנצען לאנד, איבערגעבענדיג איבעראל וועגען דער ברוטאליטעט פון די קו־קלוקס־קלעניקעס אין זיין שטעדטעל, ריוויער דע לופ.

ער האט אויך געשטעלט אן אולטימאטום צו דער רעגירונג, אז ער וועט דעם דאזיגען טור ניט מאכען, צו אויפדעקען די מאסקע פונ'ם קלען, אויב די רעגירונג וועט נאכגעבען און וועט אויסבויען אין זיין שטעדטעל א נייע אייזענבאהן סטאנציע.

מר. פאוליאט האט דערקלעהרט, אז די סטאנציע און דער קלען האבען, אין דער אמת'ן, איינס מיט'ן אנדערען קיין שייכות ניט. ער גלויבט אבער האט ער געזאגט, אז מיט אזא „פובליסיטי” ווי ער וועט געבען די קלעניקעס וועט ער זיי פארטרייבען פונ'ם שטעדטעל, און ער וועט דער רעגירונג, דורך דעם, באדייטענד וועה טאן.

פאפולערע דאקטאר דערמארדעט אין א דועל

ניו יארק, מאי 25.

דער קערפער פונ'ם רייכען און פראמינענטען דאקטאר דזשאזעף ט. לאפלין, איז היינט געפונען געווארען א צולעכערטער, אויסערן שטאדט, און די פאליציי זוכט איצט ארום זיין קוזין, האווארד ברידשעטס, 29 יאר אלט, וועמען זי איז חושד, אז דאס האט ער איהם דערשאסען אין א דועל־קאמף.

עס ווערט פארשטאנען, אז זיי האבען זיך וועגען עפעס ניט געקענט אויסגלייכען, און זיי זענען דאריבער איינגעגאנגען צו שליכטען דעם ענין מיט א דועל.

אין צייט פונ'ם דועל, ווייזט עס אויס, איז דער דאקטאר דערמארדעט געווארען.

בירגערשאפט אנטזאגט אין אמעריקע צו מלחמה־געגנער

וואשינגטאן, מאי 25.

מיט א מאיאריטעט פון איינעם, האט דאס העכסטע געריכט פון די פאראייניגטע־שטאטען היינט באשלאסען, אז אן אפליקאנט פאר בירגערשאפט מוז שווערען, אז אין פאל פון א מלחמה וועט ער זיין גרייט צו קעמפען אויף די שלאכט־פעלדער, אין פארטיידיגען דאס פאטערלאנד.

די דאזיגע אנטשיידונג האט דאס העכסטע געריכט ארויסגעגעבען אין פארבינדונג מיט דער אפליקאציע פאר בירגערשאפט פון פראפעסאר דאגלאס קלאד מעקאינטאש, פראפעסאר פון טעאלאגיע אין יעיל אוניווערזיטעט, און מערי א. בלענד, א מלחמה־נוירס.

ביידע זענען קאנאדער געבוירענע.

ריס צווישען וואטיקאן און פאשיסטען

רוים, מאי 25.

דערפאר וואס דער טרייבער פון דעם פויפסט'ס „מעיל” איז אריינגעפאהרען מיט זיין וואגען אין א פאשיסטישער דעמאנסטראציע, איז ער, און זיין געהילף ברוטאל צושלאגען געווארען.

די קאטוילישע צייטונג „אסערוואַטארע ראמאנא” באשולדיגט היינט אויך די פאשיסטען, אז זיי פארברענען הייליגע בילדער און שלאגען קאטוילישע סטודענטען.

די פאשיסטען ענטפערען דאריף אז דער פויפסט און זיינע אנהענגער אטאקירען אונאויפהערליך די פאשיסטען.

אונטערוועלט

שפאנענדער ראמאן פון שטענדיגען קאמף צווישען פארברעכער און געזעץ.

— פון —
מארק סארדעל
(נאכדרוקען פארבאטען)

(פארזעצונג)

— א. דאס נאר? — האט מענועל געלאכט — נו, פאר אזעלכע זאכען האב איך קיין מורא ניט. איך בין שוין געווען אין ערגערע הייזער און בין ארויס פונקט אזוי ריין ווי ווען איך בין אריין אהין.

— פונדעסטוועגען...

— א. זארגט זיך ניט, טייערע סטעלא. איך האב נאך ביי זיך ניט אפגעמאכט צו געהן אהין. דער אמת איז, אז צום אנהויב איז מיר גאר ניט איינגעפאלען אנצונעהמען איהר איינלאדונג.

— ניין?

— זיכער ניט.

— פארוואס־זשע רעדט איהר איצט וועגען געהן אהין?

— טאקע צוליעב אייערע רייד.

— צוליעב מיינע רייד?

— יא, סטעלא. איהר האט מיך נייגעריג געמאכט.

— א. איך האב עס ניט געמיינט.

— איך ווייס עס, סטעלא. און דערפאר זאג איך אייך, ערגערט זיך ניט. אויב איך וועל ניט געפינען פאר נויטיג, וועל איך אהין ניט געהן.

— און אויב איהר וועט דענקען אז ס'איז יא נויטיג?

— וועל איך יא געהן.

— מיין גאט!...

— שרעקט זיך ניט, סטעלא טייערע. איך פארזיכער אייך, אז עס וועט מיר קיין זאך ניט שאטען.

סטעלא האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ.

— איהר שווייגט סטעלא? — האט מענועל געזאגט מיט אן ערנסט קול און האט זי אנגענומען ביי דער האנט.

זי האט לאנגזאם ארויסגעצויגען איהר האנט פון זיינער.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען. ער האט אבער דעם שמייכעל שנעל פארטריבען און האט זיך באמיהט צו זיין ערנסט.

— איהר זענט ברוגז, טייערע? — האט ער געזאגט.

— לאמיר געהן אהיים — האט זי געזאגט. און האט זיך אויפגעהויבען.

— מיר וועלען גלייך געהן — האט ער געזאגט — אבער איידער מיר געהען, וויל איך אייער ווארט.

— מיין ווארט? — האט זי זיך געוואונדערט.

— יא, אייער ווארט, אז איהר וועט ניט טראכטען קיין שלעכטס וועגען מיר.

זי האט געשוויגען.

— מיין פראפעסיע איז שוין אזא — האט ער געזאגט צו איהר — וואס פאר א זייטיגען מענשען קען זי צומאל אויסקומען זעהר מאדנע. איך מוז צומאל טאן אזעלכע זאכען, וואס אן אנדערער קען ניט פארשטעהן.

— איך פארשטעה אייך — האט סטעלא געזאגט שטילערהייט.

— וויל איך אייער ווארט, טייערע סטעלא, אז איהר זאלט גאר ניט איבערטראכטען וועגען מיר, ווען איך וועל באשליסען צו באזוכען יענע פרוי, לאטי ליטין.

זי האט געשמייכעלט און האט איהם אויסגעשטרעקט איהר האנט.

— איך בעט אייך, אנטשולדיגט מיר — האט זי געזאגט.

— איך דארף אייך גאר ניט אנטשולדיגען, איהר האט זיך מיט קיין זאך ניט פארזינדיגט — האט מענועל געזאגט אפענהערציג — איך האב נאר געוואלט, אז מיר ביידע זאלען זיך פארשטעהן.

— איך פארשטעה אייך, ליבער מענועל... — האט זי געזאגט שטיל און צארט.

— איך דאנק אייך, טייערע סטעלא — האט ער געזאגט און האט צוגעטראגען איהר האנט צו זיינע ליפען.

— איצט לאמיר געהן — האט זי געזאגט.

ארויסגעהענדיג פון דער טיר, האט מענועל ווידער זיך געווענדעט צו איהר, האלב אין ערנסט און האלב אין שפאס:

— איך האף — האט ער געזאגט — אז איהר וועט מיר נאך אליין העלפען אין מיין ארבייט.

— איך? — האט זי זיך געוואונדערט.

— יא, איהר טייערע.

— וואס קען איך דען טאן? — האט זי געשפאסט.

— איך ווייס ניט. קיינער קען ניט וויסען — האט מענועל געזאגט גאנץ ערנסט — פון מארגען־אן הויבט זיך אן מיין ארבייט אלס דעטעקטיוו.

— איך ווינש אייך גליק — האט סטעלא געשמייכעלט.

— איך דאנק אייך — האט מענועל געענטפערט.

דער זעלבער מאן, וועלכער האט פריהער געהאט צוגענומען די פערד ביי זיי, האט זיי איצט צוריקגעבראכט און האט זיי געהאלטען גרייט אין פראנט פון רעסטאראן.

די פערד האבען אויסגעקוקט אויסגעריהט און אנגעגעסען. זייער גלאטע פעל האט אנגענעם געגלאנצט אנטקעגען די עלעקטרישע לאמפען וואס האבען באלויכטען דעם וועג.

מענועל האט געהאלפען סטעלא'ן זיך ארויפזעצען אויפ'ן פערד און איז דאן אליין פלינק ארויפגעשפרונגען אויף זיינעם.

די פערד זענען געשטאנען אומרוהיג. מען האט געפיהלט, אז עס ווילט זיך זיי א לויף טאן אביסעל.

גאלאפירען מיר? — האט מענועל מיט א שמייכעל זיך געווענדעט צו זיין באגלייטערין.

— ווי איהר ווילט — האט זי געענטפערט מיט א שמייכעל.

זי האט א דריק געטאן די זייטען פון איהר פערד, וועלכער האט זיך באלד א יאג געטאן פאראויס.

— איך וועל אייך איבעריאגען — האט מענועל שטיפעריש אויסגערופען.

— דאס וועלען מיר נאך זעהן! — האט סטעלא געענטפערט מיט דעם זעלבען שטיפערישען טאן און האט ווידער א דריק געטאן די זייטען פון איהר פערד.

ביידע פערד האבען זיך צולאזט אין א שנעלען, ריטמישען גאלאפ. ארום איז געווען שטיל. די הייזער האבען אזוי ווי געדרעמעלט צווישען די טונקעלע בוימער און אויפ'ן הארטען אספאלט האט זיך דייטליך געהערט דאס אפקלאפען פון די פארקאוועס פון די צווי יונגע פערד.

און פונקט אזוי ריטמיש און טאנצענדיג, האבען געקלאפט די הערצער פון די צווי רייטער.

קאפיטעל דרייצעהן.
צוטיילונג

פאר א קורצער ווייל האט געהערשט א טויטע שטילקייט אין דעם צימער וואו פעטריק און זיינע ארויסהעלפער זענען געווען פארזאמעלט. אזוי שטיל איז געווען, אז עס האט זיך געהערט דייטליך, דער טומעל פון דער גאס און דער געוויש פון די טאנצענדיגע פארלאך, אונטען, אין דער ראמא קאפע.

פעטריק, וועלכער איז געזעסען אויבען־אן ביים רונדען טיש, וואס איז געשטאנען אין מיטען צימער, האט מיט פארלאפענע אויגען געקוקט אויף מיצי'ן און ליגא'ן, וועלכע זענען געזעסען שטיל, אזוי ווי אנגעבלאזען, און מיט די היטלען ארונטערגערוקט טיף ביז איבער די אויגען. עס איז געווען א פייניגע שטילקייט, אזוי ווי איידער עס ברעכט אויס א שטורעם. עס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז ליגא און מיצי זיצען אזוי ווי פארשולדיגטע און האבען מורא, אז אט וועט דער באס, פעטריק, זיך א ווארף טאן אויף זיי מיט א געשריי, און אפשר טאקע מיט פעטש אויך.

(ווערט פארגעזעצט)

בארויבט פרוי'ס האנט טאש און פעקעל גראסעריס

ווען מרס. פרימאז, פון 233 קינג סטריט. וועסט, איז שפעט אין אווענט געגאנגען אהיים דורך דער ליין, האבען צווי מענער זי אפגעשטעלט. איינער האט ארויסגעכאפט איהר האנט־טאש, אין וועלכען עס האט זיך געפונען נאהענט צו 5 דאלאר. און דער צווייטער האט ארויסגעכאפט פון איהר האנט דאס פעקעל גראסעריס, וואס זי האט געטראגען. ביז די פרוי איז געקומען צו זיך, איז פון זיי שוין קיין זכר ניט געווען.

איך האב געלט צו לייען אויף
מארטגעדזשעס
ערשטע, צווייטע און דריטע
CHAS. COBLENS
423 יוקליד עוו.
טעלעפאן טריניטי W 3079
איך קויף אויך צווייטע מארטגעדזשעס

מאכט די אלטע קאָה ווי נייע
גלייכט אויס און פארבט אפ די פענדערס
סימאנייזט די באדי
און ערשטע קלאסיגע ארבייט גאראנטירט
עסטימייטס געגעבען אויפ'ן פארלאנג.
L. BACK & Co.
49 פערל סטריט
איסט פון יארק סט.
טראק באדי בילדערס.
טעל. עלגין 1643.

אויפמערקזאם
סאלאוויי דער קויהלען דילער
האט זיך צוטיילט מיט'ן פארטנער און ער געהט אריין אין די זעלבע ביזנעס אליין. גיט אייערע ארדערס צו:
סאלאוויי קאול קאמפאני
טעלעפאן לאמבארד 2306
4556-6-25)

פייפער הענגינג און פיינטינג
אייער אלט בעקאנטער פייפערהענגער און פיינטער נעהמט אן קאנטראקטס דזשאבס צו די ביליגסטע פרייזען. די בעסטע ארבייט גאראנטירט קיין דזשאב צו קליין אדער צו גרויס. עסטימייטס פריי. רומס געפייפערט פאר 6 דאלאר און העכער מיט מיין פייפער.
ספעציעלע אויטסייד פיינטינג. רופט אונז איידער איהר זעהט אנדערע.
לאידברוק 2350.
4192-6-7

קויפט נישט קיין קויהלען ביז איהר זעהט א
קארמאן „בלאוער"

10% רעדאקשאן פון רעגעלען פרייז דורך דעם מאנאט.
שפארט געלט, צייט און קויהלען.
טעלעפאנירט אונז און מיר וועלען עס דעמאנסטרירען
קארמאן אינזשינירינג קא.
81 פארטלאנד סטריט
טעלעפאן עלגין 1428 און עלגין 1429

אן אנאנס
— אין —
אידישען זשורנאל
ברייננט רעזולטאטען

פארלוירען

פארלוירען א פאקעט בוק אין איטאנס סטאר אויפ'ן 3־טען פלאר.

באלוינונג צו דעם געפינער. זיך ווענדען אין „זשורנאל" אפיס, מיס פריעדלענד

טענדערס פאר דרעדזשינג

פארזיגעלטע טענדערס, אדרעסירט צו דעם אונטערגעשריבענעם און אינדארסירט „טענדער פאר דרעדזשינג, וועסטערן ענטרענס אף טאראנטא הארבאר, אנטאריא", וועלען אנגענומען ווערען ביז 12 א זייגער בייטאג (דעיליים סייווינג טיים) דאנערשטאג, 4־טען יוני, 1931.

טענדערס וועלען נישט באטראכט ווערען סיידען זיי וועלען געמאכט ווערען אויף די פארמען וואס ווערען צוגעשטעלט פון דעם דעפארטמענט און בהסכם מיט די באדינגונגען, וואס ווערען דארט אנגעגעבען.

ספעציפיקיישאנס, צוזאמען מיט פארמען פאר טענדערס קען מען באקומען ביי דעם אונטערגעשריבענעם און אויך אין אפיס פון דיסטריקט אינזשעניר, עקוויטי בילדינג, טאראנטא, אנט.

טענדערס מוזען איינשליסען אויך טאוינג פון דעם פלענט צו און פון דער ארבייט.

די דרעדזשעס און דאס איבעריגע פלענט, וואס וועלען באנוצט ווערען ביי דער ארבייט, דארפען זיין געהעריג רעגיסטרירט אין קאנאדע אום, אדער פאר דעם 31־טען דעצעמבער, 1929, אדער זיי דארפען זיין געבויט און רעגיסטרירט אין קאנאדע נאך יענער צייט.

צו יעדען טענדער מוז בייגעלייגט ווערען אן אקצעפטירטער טשעק אויף א געטשארטערטער באנק, צאלבאר צו ארדער פון מיניסטער אף פאבליק ווארקס פאר 5 פראצענט פון דעם קאנטראקט פרייז, אבער קיין טשעק טאר נישט זיין ווייניגער ווי פינף הונדערט דאלאר. באנדס פון דער דאמיניאן אף קאנאדא, אדער באנדס פון קענעדיען נייישאנאל רעלוויי קאמפאני וועלען אנגענומען ווערען אלס סעקיוריטי, אדער באנדס און א טשעק אויב נויטיג צו מאכען פול די סומע.

ביי ארדער,
N. DESJARDINS
סעקרעטאר.
דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס,
אטאווא, מאי, 20, 1931.

קאוטס

צו פארקויפען אלערליי שעהנסטע גוירלס קאוטס, סייזעס פון 3 ביז 16 יאהר. אויך געמאכט צו ארדער.

פאר בארגיינס קומט אין 591 דאנדעס סטריט וועסט. מר. פינקעל.

2500-3-7

חזן ב. וולאדאוויסקי

היגיעניש געשולטער סווירדזשען
מוהל
— אויך —
מאדערנער מסדר קדושין
סערוויסעס אין ענגליש
עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען, אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער
קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.
וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
פרימע אומזיסט.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני.

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי M 6520
NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO
422 BAY ST

צו פאררענטען

צו פארענטען מאנופעקטשורינג אדער דזשאבינג פלעטס, זעהר מעסיגע רענט. אויך איין פלענט פאר א דרעס קאנטראקטאר. פרעגען שארלי צוקערמאן, 352 עדלייד סטריט וועסט.
4387-5-26)

צו פארענטען א שעהנעם פלעט, הארדוואוד פלארס, אלע מאדערנע קאנוויניענס, שאה סטריט, נעבען הארבארד טעלעפאן מעלרויז 1375, קיין עטיק.
4490-5-28)

אלעקסאנדרא פארק אפארטמענטס, גרענדזש און רייערסאן עוו. צו פארענטען 2 אפארטמענטס. יעצט ליידיג, מעסיגע רענט. פרעגען ביים דזשעניטאר.
4520-5-26)

צו פארענטען ספעיס אין דער פעשיאן בילדינג אויף ספעדינע עוו. פרעגען בעי קלאוק, מעסיגע רענט
349-5-25-26-27

צו פארענטען 3 רומס, הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס, טעלעפאן צו נוצען, אויך גאראדזש. נאכפרעגען 112 קלינטאן סטריט. טעל. טריניטי M 7706.
4555-5-27)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס, ניי דעקארירט, הארדוואוד פלארס, ווינדע בליינדס, סינק אין קיטשען טעלעפאן, סאליד בריק גאראדזש פאר 2 קארס, אדער פאר א גרויסען טראק. — ליידיג דעם 10־טען דזשון. 16 ביטריים סטריט. טריניטי J 2335.
4545-5-27)

צו פארענטען א פלעט פון דריי אדער 4 רומס, הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס. קאפבארדס. גאראדזש אויב נויטיג. גלייך ארייננצומופען. 177 יוקליד עוועניו.
4565-5-26-29-31)

צו פארענטען אן 8 רומיגע הויז, ניי דעקארירט. 253 יוקליד עוו.
4564-5-27)

צו פארענטען א בריק גאראדזש. — מעסיגע רענט. 340 דאנדעס סטריט וועסט אלע קאנוויניענס.
4563)

צו פארענטען א סטאר, 6 רומס, גאראדזש, פאסענד פאר פלאמבינג טינסמיט, אדער אנדערע ביזנעס, גוטער ביזנעס פלאץ. טעל. מעלראוז 8833.
4562-5-27)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 גרויסע, ליכטיגע רומס, נייע דעקארירט, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען, אלע קאנוויניענס. פרעגען 18 ראקסטאן ראוד, נאהענט צו דאנדעס.
4568-5-31)

צו פארענטען 2 רומס, סטאר און גאראדזש אדער 3 רומס, ביליג רענט. — פרעגען 35 בעלוויו עוו.
4553)

צו פארענטען 2 שעהנע פוירנישד רומס, מיט אדער אהן באארד, 322 ספעדיינע עוו.
4548-5-27)

צו פארענטען 2 פוירנישד אדער ניט געפוירנישט רומס, שאוער אין באדרום, נייע היים. 45 ראשהאלם דרייוו.
4559-5-27)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס, גאראדזש, אלע קאנוויניענס. — 331 שאה סטריט.
4547-5-27)

צו פארענטען א דופלעקס, 7 רומס, הארדוואוד פלארס, הייסע וואסער, פרענטש טירען, אלע קאנוויניענס. 388 מענינג עוו. פרעגען 387 מארקהאם סט. טעלעפאן טריניטי 7756.
4558-5-29)

צו פארענטען א 5 רומיגען אפארטמענט, הארדוואוד פלארס, בליינדס, גאז סטאוו, אלע קאנוויניענס, דזשעניטאר סערוויס, 6 נאר סטריט, נעבען קאלעדזש און קלינטאן. פרעגען אפארטמענט 1.
4561-5-26-31)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס, גוט פאר א יונג קאפעל, הארדוואוד פלארס אלע קאנוויניענס, אנטקעגען פארק. 35 גארוויל עוו. טריניטי W 9337.
4551-5-27)

פארלוירען א לעידים ריסט וואטש דעם צווייטען טאג שבועות אין שאה סטריט שוהל. דער עהרליכער געפינער טעלעפאנירט לייקסייד 4283.
4560)

פארלוירען א פאליסי פון דער גרייט וועסטערן לייף אינשורענס קא. נעבען דער אסטראוצער שוהל. לאזען וויסען 40 ראבערט סטריט. מר. געלמאן.
4546)

אקאונטענט־בוקקיפער
12 יאהר עקספיריענס וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט אדער אודיטען זיי. פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.
א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו.
הילקרעסט W 7504

פארלאנגט

פארלאנגט צו קויפען אלערליי הינטלאך. העכסטע פרייזען געצאהלט. טעלעפאן דזשעראַרד 3809.
4487-5-21-24-26

פארלאנגט א פאזישאן אלס העווינער ביי קלאוקס. קען אויך מענעדזשען א שאפ. שרייבט „זשורנאל" באקס 537.
4550-5-27)

פארלאנגט עקספיריענסד וויטרעס אין דעם וועלקאם רעסטאראן, 322 ספעדיינע עוו.
4549-5-27)

פארלאנגט א פארטנער מיט געלט צו קוילען ביזנעס. טעלעפאנירט לאמבארד 2306 מר. סאלוויי.
4557-5-28)

א רוסישע מיידעל זוכט ארבייט ביי דעם מאנאט, גוטע ארבייטערין. טעל. עדלייד 4707.
4554)

פארלאנגט א מיידעל אין א פרוכט סטאר זי מעג זיין א גרינע, נאר זאל האָבען עקספיריענס אין ביזנעס. פרעגען 64 קענזינגטאן עוו. בארינסקי'ס פרוכט מארקעט.
4566-5-27)

פארלאנגט אן עקספיריענסד קעכין אין דער אידישער קינדער היים. פרעגען 336 אנעט סטריט.
350)

צו פארקויפען

צו פארקויפען א גראסערי סטאר, אין בעסטען געגענד פון שטאדט, טוט ביזנעס פון 450 ביז 500 דאלאר א וואך. וועגען סאקריפייסען, גוטע אורזאכע. טעלעפאנירט קינגסדייל 7623.
4462-5-28)

צו פארקויפען ביליג עלעקטריק פיקסטשורס, פיאנא, טייבעלס, קאונטערס, 519 דאנדעס סטריט וועסט.
4567-5-31)

צו פארקויפען א רעדי־טו־ווער סטאר. אורזאכע געהט אין מאנופעקטשורינג ביזנעס. שרייבען „זשורנאל" באקס 538.
4552-5-27)

קארפענטער
פאר אלערליי קארפענטער ארבייט. הויז ארבייט. פעקטארי ארבייט. פראנט סטארס. ווערענדעס און הארדוואוד פלארס.
א. געלמאן
989 דאנדעס סט. וועסט
טעלעפאן טריניטי 3934.

קארפענטעריי
פרייע עסטימייטס געגעבען אויף דזשענעראל קאנטראקטינג און פארשיעדענע קארפענטער ארבייט. ווי מאדערנע סטארפראנטס, גאראדזשעס, פרענטש טיהרען, הארדוואוד פלארינג א. ז. וו. אויך שטעלען מיר איין שעפער און אפיסעס אין אלע טריידס צו מעסיגע פרייזען. צופרידענהייט גאראנטירט. אויך מאכען מיר ארבייט אויסער שטאדט
מאדערנע בילדערס קאמפאניע
7 דאס סטריט
טעלעפאן טריניטי 9025.

עפישענט בעליף סערוויס
קאלמאן און קאמפאני
בעיליפס און קאלעקטארס
81 וויקטאריא סטריט
טעלעפאן וויייווערלי 7713.

שפייז פעקלאך
אייערע קרובים אין רוסלאנד
חפץ האט ארראנזשירט אין יוראפ פארבינדונגען צושטעלען זיכער שנעל און ביליג שפייז פעקלאך אין יעדען שטעדטעל אין רוסלאנד. אויסוואהל פון אלערליי שפייזען. ביליגע פרייזען. פרישע שפייזען געבאקט אין יוראפ.
קומט, שרייבט, טעלעפאנירט:
חפצ'ס שיפס קאנטאר
DOMINION TICK ET OFFICE
143 קווין סט. וועסט
(עדלייד 5971)
געלט געשיקט. — שיפסקארטען, אינשורענס, מארגיידזשעס. — סיטיזען פייפערס.

אָרדערט אייערע
סיינס
פון דעם גוט באוואוסטען אידישען סיין פיינטער, 19 יאהר אין טרייד.
לואיס ווינער
309 ספעדיינע עוו.
נעבען דיארסי סט.
טעל. טריניטי 1431
ביליגע פרייזען און שעהנע ארבייט.

די בעסטע טייל ארבייט אין שטאדט
געמאכט פון דערפאהרענעם טיילינג קאנטראקטאר צו אייער בעסטער צופרידענהייט.
קיטשענס, באטרומס, בוטשער פענסטער, סטאר פראנטס א. א. וו. צו זעהר ביליגע און צוטריטליכע פרייזען.
מאכט קאנוויניענס אין אייער הויז. איך גיב א פרייען עסטימייט. רופט אפ: —
J. MORGENSTERN
21 ROSEBERRY AVE.
Tel. TRinity 1960J


אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א
אפטאמעטריסט
און אפטישען
דר. הענרי העררים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט
Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

רעוו. פ. דאלגאף
דער בארימטער
מוהל
ספעציאליסט

אנערקענט אין אלע האספיטעלער פון אלע דאקטוירים
413 Dovercourt Road
TELEPHONES:
Lom. 1220 Tr. 7830j El. 3086

די קאנגא
מעדיצינען
ליידט איהר פון עקזימא, רינגווארם, סארייסעס, אנדערע שלעכטע הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען מעדיצינישען זאלב קאנגא־סעוו. און אויב איהר ליידעט פון כראנישען רהומאטיזם, שטייפע גליעדער א טשעסט קאלד אדער אזוי א שלעכטען קאלד, דאן רייבט זיך איין מיט קאנגא לינימענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין איסט. עלגין 7512
SINGER BROS., DRUGGISTS
26 Queen St. E. Elgin 7512
מיר דעליווערען און שיקען אויך ביי מעיל. פאסטיידזש פריי.
ליידט איר פון א ברוך?
(ראפטשורד)
ווען איהר ליידעט פון א ברוך דאן מוזט איהר ערשטענס האבען א גוטע טראס און צווייטענס גוטע צונעפיט. און דאס קענט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, ווייל זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון דער אמעריקאנער גרעסטער טראס קאמפ. און ספעציאליסטען אין דעם פאך.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

פייערט 54 יעריגען געבורטסטאג

האנארייבעל וויליאם ה. פרייס, דער אטוירני דזשענעראל פון אנטעריא, האט נעכטען געפייערט זיין 54 יעריגען געבורטסטאג. צו דער דאזיגער פייערונג



האנ. וו. ה. פרייס

האט ער באקומען א גרויסע צאהל גראטולאציעס פון א סך פריינט איבער דער גאנצער פראווינץ, און וועלכע מען האט איהם געוואונשען נאך א סך יארען טעטיגקייט.

דער אטוירני דזשענעראל האט געפייערט זיין געבורטסטאג אויף א גאנץ באשיידענעם און צוריקגעצויגענעם אופן.

ראטעוועט 2 מענשען פון פייער

דער האקי סעזאן איז נאך נישט אנגעקומען און פונדעסטוועגען ווערט הארווי דזשעקסאן פון טאראנטא מייפעל ליעף האקי קלוב געלויבט פאר זיין בריה'שקייט.

ווען זונטאג אין דער פריה זענען די פאליסלייט ראבינסאן און באסוויט ארומגעגאנגען פאטרולירענדיג דעם וואסאגא ביטש, האבען זיי באמערקט א רויך, וואס קומט ארוים פון איינעם פון די קאטעדזשעס. ראבינסאן האט זיך באלד א לאז געטאן צו וויסען לאזען די פייערלעשער און באסוויט צוזאמען מיט דזשעק סאנען, וואס איז גראד דאן אנגעקומען, האבען אויפגעבראכען די טיר און אריין אינוואיינינג.

אין הויז האבען זיי געטראפען שלאפענדיג די צוויי איינוואוינער פון הויז, דזש. א. פרייזער און דזש. ב. סאלטער, וואס זענען ערשט מיט א טאג פריהער געקומען צוגרייטען דעם קאטעדזש פאר'ן זומער.

סאלטער האט זיך גלייך ארויסגעכאפט פון דער ברענענדיגער הויז. פרייזער איז אבער פארטשאדעט געווארען און איז געבליבען ליגען. דער פאליסמאן באסוויט איז איהם געגאנגען העלפען און איז אויך געבליבען ליגען.

דאן האט דזשעקסאן זיך דורכגעריסען דורכ'ן פייער און רויך, געפונען די צוויי פאר'חלש'טע, האט זיי ארויפגענומען אויף זיינע פלייצעס און זיי ארויסגעטראגען פון דער ברענענדער הויז.

ווען די פייערלעשער זענען אנגעקומען איז שוין אונמעגליך געווען צו ראטעווען דאס הויז. אבער עס איז געווען א גרויסע סכנה פאר די ארומיגע הייזער. זיי זאלען זיך נישט אנכאפען, און דאס האבען די פייערלעשער פארהיט.

דיזע שווערע צייטען

די שווערע צייטען און דאס שווערקייט צו באקומען געלט מאכט עס וויכטיגער ווי ווען פריהער צו שפארען. איין וועג, ווי אזוי איך שפאר אויף קליידער איז באנייענדיג דעם קאליר פון די אפגעבליאקטע אדער אויסער־מאדע דרעסעס, קאוטס, זאקען און אונטערוועש. פאר פארבען, אדער טינטינג, נוץ איך שטענדיג דאימאנד פארבען. זיי זענען די סאמע עקאנאמישסטע, ווייל זיי ברענגען שטענדיג גוטע רעזולטאטען וואס מאכען איך שטאלץ. ווייל זאכען זעהען אוים בעסער ווי נייע ווען זיי ווערען איבערגעפארבט מיט דאימאנד פארבען. זיי פארבען זיך גלייך אויפ'ן גאנצען קלייד, ווען אפילו א 10 יעריג קינד טוט די ארבייט. נאך א זאך, דאימאנד פארבען נעמען קיינמאל ניט ארוים דאס לעבען פון די קליידער אדער לאזען איבער פלעקען ווי אנדערע פארבען טוען עס. זיי פארדינען צו גערופען ווערען "די בעסטע פארבען אין דער וועלט".

ס. ב. ג., קוויבעק.

פייערווערק ראטעווען קינדער פון ברענענדער הויז

אז פייערווערק קענען נישט בלויז אמוזירען קינדער און אנטאן שאדען, נאר קענען אמאל ראטעווען מענשליכע לעבענס, האט זיך ארויסגעוויזען ביי דעם פייער אויף 1351 מאונט פלעזענט ראוד.

מר. און מרס. קלארק, וואס באוואוינען דאס הויז זענען אוועקגעפארען פון שטאדט איבערלאזענדיג זייערע צוויי קינדער אין הויז.

אזוי ווי ביינאכט איז זיי געווען קאלט האבען זיי געמאכט מיט עטליכע העלצער א פייער אין דעם פייער פלאץ אויבען אין א צימער.

ביינאכט האט זיך א ברענענדע שטיקהאלץ ארויסגעקייקעלט אויפ'ן פלאר און האט איהם אנגעצונדען. אין זעלבען צימער האבען זיך אבער געפונען די פייערווערק, וואס די קינדער האבען אנגעגרייט אויף וויקטאריא דעי, און די פייערווערק האבען אנגעהויבען שיסען.

די קינדער האבען זיך אויפגעכאפט און באלד טעלעפאנירט די פייערלעשער.

די פייערלעשער זענען באלד אנגעקומען און עס איז זיי געלונגען אפצושטעלען דעם פייער. דער היזק פאר א 700 דאלאר איז געמאכט געווארען בלויז אין דעם צימער, וואו דער פייער האט זיך אנגעהויבען.

ווען נישט די פייערווערק, ווער ווייסט וואס עס וואלט געשעהן מיט די קינדער, וואס זענען געשלאפען, און מיט דער גאנצער הויז.

שרייבט פון איהר ערפאהרונג



„איך האב אויסגעפונען אז צו געברויכען קעללאגג'ס אלל־ברען רעגעלמעסיג איז דער זיכערסטער וועג צו האלטען די מיטגלידער פון מיין פאמיליע פריי פון פארשטאפונג". מיליאנען געברויכערס האבען אויסגעפונען אז קעללאגג'ס אלל־ברען גאראנטירט זיכערע הילף געגען צייטווייליגער און צוריקקעהרענדער פארשטאפונג.

פילען און דראגס דארף מען געוועהנליך נעהמען אין גרויסע דאזעס— אנדערש זיינען זיי נוצלאז.

קעללאגג'ס אלל־ברען אפערט אייך נאטירליכע, זיכערע הילף פון די קאפשמערצען, דער שווינדעלדיגקייט, דעם פארלוסט פון ענערגיע וואס קומען פון פארשטאפונג. און ער שאפט אויך אייזען וואס העלפט בריינגען קאליר אויף די באקען און ליפען.

פרובירט עס מיט מילך אדער קרים, צוזאמען מיט פרוכטען אדער האניג. געברויכט עס אויך אין געקעכצען. ביי אלע גראסערס, אין דעם רויטען־און־גרינעם פעקעדזש. געמאכט פון קעללאגג אין לאנדאן, אנטעריא. קעללאגג'ס אלל־ברען איז אבסאלוט כשר אונטער דער השגחה פון אגודת הרבנים פון טאראנטא.

Kellogg's
ALL-BRAN

פייערלעשער ראטעווען פרוי

און אז מען רעדט וועגען בריה'שקייט פון פייערלעשער, מוז מען דערצעהלען וועגען נאך א פאל, ווען פייערלעשער האבען פארמידען א טראגעדיע און אפגעראטעוועט א מענשליכען קרבן.

מרס. אטס איז ארוים פון איהר הויז אויף 154 ראולינג עווענו, און האט די טיר צוגעשלאסען. איז דאך גענוג שלעכט, האט זי דאך אבער געוואלט אריינגעהן אין הויז, איז זי ארויפגעקראכען אויפ'ן צווייטען שטאק באלקאן, כדי דורך דער טיר אדער דורך א דערבייאיגען פענסטער אריין אין הויז. א גוטע בעל־הבית'טע לאזט אבער נישט אפען קיין טירען און קיין פענסטער, און מרס. אטס איז א גוטע בעל־הבית'טע. זענען די טיר און פענסטער אויף דעם באלקאן אויך געווען צוגעמאכט, האט זי ניט געקענט אריין אין הויז און . . .

זי האט אויך נישט געקענט אראפ פון באלקאן אויף דער ערד. האט זי געמאכט א גוואלד און שכנים זענען זיך צונויפגעלאפען און האבען טעלעפאנירט צו די פייערלעשער. די פייערלעשער האבען מיט א לייטער איהר אראפגענומען פון באלקאן און אויפגעעפענט איהר די טיר, און אזוי ארום געראטעוועט מענשען פון טוים.

שטארבט ביי די רייסעס ווען פריינט קעשט זיין טיקעט

וויניג מענשען האבען באמערקט ווי וויליאם דזש. שיהען, 63 יאהר אלט, פון 99 סימפסאן עווענו, איז אויף דעם וואודביין רייס פעלד אומגעפאלען. די וואס האבען עס באמערקט האבען איהם געפרואווט העלפען, אבער ביז א דאקטאר איז אנגעקומען איז ער שוין געווען טויט.

עס איז געווען באלד ווי די רייסעס האבען זיך געענדיגט און שיהען האט איבערגעגעבען זיינעם א פריינט ער זאל קריגען געלט פאר זיינעם א טיקעט וואס האט געוואונען. ווארטענדיג אויף זיין פריינט איז ער געפאלען און, ווי דער דאקטאר דערקלערט, אויפ'ן פלאץ געשטארבען פון א הארץ אטאקע.

עס איז מערקווירדיג, אז זיין ברודער, טהאמאס שיהען, איז מיט פיער יאהר צוריק געשטארבען אויף א רייס טרעק ביי די זעלבע אומשטענדען.

גרויסער פייער אויף יאנג סטריט

א פייער וואס האט זיך אנגעהויבען, ווי מען מיינט, פון א סיגארעט, וואס אימיצער האט אריינגעווארפען אין א פאפיר קארב, האט אויסגעבראכען אויפ'ן צווייטען שטאק פון דער געביידע אויף 260 יאנג סטריט.

דער שטאק איז פארנומען פון דער מארוועל העיר דרעסינג קאמפאני, וועלכע האט פון דעם פייער געליטען שאדען אויף טויזענט דאלאר.

די פירמע פון ליוויי שוה קאמפאני האט פון וואסער געליטען היזק אויף אן אונבאשטימטער סומע. די געביידע אליין איז באשעדיגט געווארען אויף 800 דאלאר.

לאיערס דזש. גלעס און אי. פ. דיקלער
— פון —
גלעס, דיקלער און קא.
רום 501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק
געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

טעלעפאן עדלייד 6201. הויז טעלעפאן מעלראז 6730.
לאיער פיליפ דאווידסאן
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק א. ז. וו.
810 סטערלינג טאוער בילדינג
372 בעי סטריט
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארטגיידזשעס.
ספעציעלע אויפמערקזאנקייט פאר קרימינעלע קייסעס.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן:
ווייווערלי 2211
הויז טעלעפאן מעלראז 4718.
לאיער ב. ווינבערג ב. א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליס
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת'ע כשרה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
275־273 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן טריניטי 0444.

קאנפערענץ פון אידישע ארגאניזאציעס מארגען אווענט

א זעהר וויכטיגע קאנפערענץ פון פארשטעהער פון אלע אידישע ארגאניזאציעס פון טאראנטא וועט אפגעהאלטען ווערען מארגען מיטוואך אווענט, מאי 27־טען אום 8 אוהר אין דעם ציון אינסטיטוט 206 בעווערלי סטריט.

א פולער בעריכט וועט אפגעגעבען ווערען פון אלע שוהלען און ארגאניזאציעס וואס האבען אנגענומען איינלאדונגען צום באנקעט וואס היגע אידען אראנזשירען לכבוד רבי סטיפען ס. וויז, דאנערשטאג אווענט אין קינג עדווארד האטעל.

עס וועט אויך אפגעגעבען ווערען אן איבערבליק איבערן פראגראם אין פארבינדונג מיט'ן קאמפיין וואס וועט זיך שליסען זונטאג אווענט דזשון 7־טען מיט א מאס מיטינג אין טיוואלי טהעאטער, וואס וועט אדרעסירט ווערען פון דעם אידישען ארטאר רבי וואלף גאלד פון ניו־יארק.

א דרינגענדער אפיעל איז ארוים געשיקט געווארען צו די פארשטעהער פון אלע אידישע ארגאניזאציעס און אויך צו די בעאמטע, ניט צו פארפעהלען מארגעדיגען קאנפערענץ, ווייל דער ערפאלג פון דעם איצטיגען ארץ ישראל קאמפיין און דער כבוד פון דעם טאראנטאר אידענטום העננט אפ פון דעם זעהר וויכטיגען קאנפערענץ.

עס דארפען נישט זיין קיינע מיאוסע פרויען

עס זענען דא צוויי מינים פרויען:
(1) די שעהנע, געזונטע און צוציהענדע פערזאנען.
(2) די נעבאכדיגע, וועלכע ווייסען ניט ווי זיך צו מאכען שעהן — ריכטיגער, די וואס ווייסען נישט וועגען דער וויכטיגקייט קראשען זאלץ פאר דער פיזישער פאלקאמענהייט און צויבער.

קראשען זאלץ איז א פאלשטענדיגער בלענד פון זעקס לעבענס וויכטיגע מינעראלען, וואס די נאטור האט באפוילען, אז די גלענדס, בלוט, נערוועז און קערפער ארגאנען זאלען קריגען יעדען טאג, כדי זיי זאלען פונקציאנירען פינקטליך — און וועלכע עס איז אוממעגליך צו באקומען אין היינטיגער צייט פון מאדערנעם קאכען.

קריגט א פלאש קראשען — און איידער די פלאש איז האלב ליידיג וועט אייער פנים זיין פראכטפול גלאט און ריין. קראשען רייניגט דאס בלוט פון שעדליכע עסידס און גיפטיגען אפפאל, וואס פארארזאכען פלעקען און פימפעלס. אייער וואונדערבארע נייע ענערגיע וועט אייך איבערראשען — דער מוח ווערט אזוי קלאר און שארף — איהר ווייסט מעהר ניט פון דער אויסגעמאטערטקייט אין דער פריה.

MACDONALD'S
10¢
CIGARETTES
ווירדזשיניע
בלענדער

איער דאים וועט איך קויפען 10 ריכטיגע סיגארעטס, אויב איר וועט פארלאנגען מעקדאנעלד'ס נייווי קאט פאר'ן ווירדזשיניע רויכערער — אדער מעקדאנעלד'ס ברונעט פאר רויכערער פון בלענדער.

סעמיועל גאלדינבורג טרעט דאנערשטאג אווענט אויף אין „א מענש איז ניט קיין מלאך" אין סטענדערד טעאטער

דער זעהר באגאבטער, ראמאנטישער שוישפילער, סעמועל גאלדינבורג, וועלכער האט זיך מיט עטליכע וואכען צוריק אומגעקעהרט פון אן ערפאלגרייכען טור אין אייראפא און סאוט אמעריקע, וועט דאנערשטאג אווענט, אין דעם היגען סטענדערד טעאטער אויפטרעטען אין א נייער פיעסע פון ה. קאלמאנאוויטש. סאי די פיעסע און סאי דאס שפיעלען זיינען זעהר שטארק געלויבט געווארען פון די אנערקענטע אידישע קריטיקער. דאס איז דערפאר, וואס די פיעסע "א מענש איז ניט קיין מלאך" ענטהאלט א סך אינטערעסאנטע מאמענטען, פון וועלכע דער עולם האט שטארק הנאה.

"א מענש איז ניט קיין מלאך" איז פול מיט סצענעס, וואס לאזען איבער אויפ'ן צושויער א טיפען איינדרוק, און אין דערזעלבער צייט איז דארטען דא אזוי פיעל אריגינעלער קאמיזם, פון וועלכען דער עולם הערט ניט אויף צו לאכען. די הויפט "אטרעקשאן" איז גאלדינבורג, וועלכער שפיעלט די ראלע פון א פאטער, וואס ווערט ענטוישט אין זיין אייגענעם זוהן. ער פיהרט די דאזיגע ראלע דורך אזוי מייסטערהאפט, אז דער עולם ווערט פשוט ענטציקט.

סעמועל גאלדינבורג, קומט אהער ניט אליין. ער ברענגט מיט זיך אן אויסגעצייכענטע טרופע שוישפיעלער, וועלכע העלפען איהם זעהר א סך אין דעם ערפאלג פון דער פיעסע.

וועט פארלייגען דעם בודזשעט

(פארזעצונג פון פיידזש 6)

ריף וועט אויפהויבען די פרייזען פון אלע ארטיקלען פאר דעם געברויכער. די מיינונג פון פרעמיער און זיין פארטיי איז, אז עס איז בעסער צו צאלען עטוואס מעהר פאר וואס איהר קויפט און צו באזארגען זיך און אנדערע קאנאדער בירגער מיט ארבייט און מיט פארדינסטען וואס זאלען אויסגעגעבען ווערען אויף קאנאדער פראדוקטען.

דער אלגעמיינער קריזיס און דער געהעכערטער טאריף האבען געווירקט אויף דער איינגאמע פון אימפארט שטייער, און זי פארקלענערט אויף 50 מיליאן דאלאר. אלס א מיטעל כדי אויסצופילען דעם בודזשעט, וועט דערפאר פארגעשלאגען ווערען צו פארגרעסערען דעם סיילס טעקס פון 1 ביז 4 און אפשר נאך 5 פראצענט, וואס וועט אריינברענגען דער רעגיערונג 100 מיליאן דאלאר, וואס עס האט געפעלט היינטיגעס יאהר.

א פארטיגע זאך ----

מיט מעהר באקוועמליכקייט פאר מיינע חברים, חברות און קינדער. אין נאמען פון ערליכקייט, בעט איך אלע ליידענדע פון דייאביטיס, אדער ווי מען רופט עס "זיסע קרייגק", וואס איז מר ממות. אז איהר זאלט חלילה ניט אויפגעבען די האפנונג און פאלען ביי זיך מיט דעם געדאנק דאס איהר דייעבעטיקער קענען מעהר ניט. געזונט זיין.

איך האב אויך אזוי געדענקט ווען איך האב געמוזט הונגערען פיעלע יאהרען. א דאנק גאט, און א דאנק דעם ערפינדער פון העלטאלא מעהל און ברען. פאר א קורצער צייט וואס איך עס פון די געבאקענע און געקאכטע שפייזען פון העלטאלא מעהל און ברען, האט עס מיך צוריק געשטעלט אויף מיינע פיס, און איך פיהל, גאט צו דאנק, בעסער מיט מיין געזונט. וואס איהר קענט זיך איבערצייגען ווי איך ארבייט איצט אין סטאר.

וועגען באקוועמליכקייט פאר אייך הונגעריגע און ליידענדע, קענט איהר באקומען פארטיגע ברויט און אנדערע געבעקסען פון העלטאלא מעהל געבאקען סאניטאריש ביים באקאנטען

מר. גליצענשטיין, 358 קאלעדזש סטריט

איהר וועט פיהלען א נחת רוח מיט א בעסערען געזונט.

די געבעקסען פון העלטאלא מעהל און דאס מעהל קענט איהר נאר באקומען ביי דער

קאלעדזש דיירי 294½ קאלעדזש סטריט
טעלעפאן קינגסדייל 4615
דאס געבעקס באקומט איהר אין:
גליצענשטיין'ס קאפע, 358 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן קינגסדייל 8033.

וועגען דער גוטסקייט פון מעהל קענט איהר אנפרעגען ביי מר. יאזעף ראז, אידישער אינטערפרעטער אין די האספיטאלס, טעל. טעלעפאן טריניטי 7693.

א. מ. ש.

נאציאנאליזם און יוניווערסאליזם

איבער דער טעמע וועט ריידען דער באקאנטער
געלעהרטער און ציון פיהרער

רבי דזשיימס וו. העלער

פון סינסינעטי

אין דעם אלעקסאנדרא האל
פון קינג עדווארד האטעל

היינט, דינסטאג, 8 אווענט, 26־טען מאי

דער "הדסה" קאנסיל פון טאראנטא לאדט איין אלע מיטגלידער פון אלע "הדסה" טשאפטערס מיט זייערע מענער צו קומען הערען רבי העללער, איינער פון די גייסטרייכסטע רעדנער פון די פאראייניגטע שטאטען.

מיט רבי העללער'ס פארטראג ווערט געשלאסען דער הייאהריגער סעזאן פון "הדסה"ס רייפען קולטור רעלען פראגראם. און די אידען פון טאראנטא זאלען ניט פארנאכלעסיגען צו קומען הערען א גרויסען אידישען טאלאנט איבער "נאציאנאליזם און אוניווערסאליזם" — זייען זיי זיך סותר אדער ערגענצען זיי זיך.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL

אן ענטפער אויף א קלארער פראגע

געוויינליך ווערט א בריעף פון א לעזער געדרוקט אין א ספעציעלען ווינקעל, וועלכער איז באשטימט פאר בריעף פון לעזער. מיט דעם פאלגענדען בריעף מאכען מיר אבער אן אויסנאמע, ווייל ער איז מעהר ווי פון געוויינליכען אינטערעס.

דער שרייבער פון בריעף פאדערט אן ענטפער, וועלכער איז פון אלגעמיינעם אינטערעס און דערפאר גיבען מיר אים אפ דעם פראמינענטען פלאץ: —

געערטער הער רעדאקטאר פון "דער אידישער זשורנאל"!

אלס שטענדיגער לעזער פון אייער חשוב'ער צייטונג בעט איך אייך צו דרוקען מיין בריעף.

ביים מיטינג פון דער סאסייטי "טרו פרענדס סוירקעל", וואו איך האב דעם כבוד צו זיין א מיטגליעד, פארהאנדלען מיר אפט פראגען, וועלכע טראגען א ספעציעלען כאראקטער. ביי איינער פון אונזערע פארזאמלונגען האט א פריינדין, מרס. ב., אן אנהייגערין פון "איקאר", געמאכט אן אפיל צו שטיצען די דאזיגע קערפערשאפט. צווישען די מיטגלידער האט זיך אנטוויקעלט א הייסע דעבאטע איבער דער פראגע צי עס איז ווינשענסווערט בייצושטייערען צום קאמפיין פון "איקאר".

דער שרייבער פון דעם דאזיגען בריעף האט זיך ארויסגעזאגט געגען שטיצען דעם "איקאר", ווייל עס איז בלויז א קאמוניסטישע ארגאניזאציע, פון וועלכער מען ווייסט ניט וואס זי טוט מיט די געלטער, וועלכע זי זאמעלט.

די פריינדין ב. איז ארויסגעטראטען מיט טענות און האט פרובירט באווייזען וואס דער "איקאר" האט אויפגעטאן אין בירא־בידזשאן. זי האט אויך צוגעגעבען, אז די אידען אין ראטען־פארבאנד וואלטען אונטערגעגאנגען, ווען ניט דער "איקאר", ווייל קיינער שיקט זיי ניט אזוי פיעל געלט פון דעם, וואס עס ווערט געזאמעלט אין אמעריקא און קאנאדא, ווי דאס טוט דער "איקאר". מיר וואלטען אייך געווען זעהר דאנקבאר, ווען איהר זאלט אונז אויפקלעהרען דעם ענין "איקאר", וואס ער טוט אין רוסלאנד און צי עס איז ווינשענסווערט בייצושטייערען צו זייערע קאמפיינס.

האפענדיג, אז איהר וועט ניט אפזאגען אונזער בקשה,
פארבלייב איך אין נאמען פון אונזער פאראיין "טרו פרענדס סוירקעל",

ס. פושקאוו.

די פראגע איז געשטעלט געווארען גאנץ קלאר און מיר ווילען פרובירען געבען פונקט אזא קלארען ענטפער.

אז דאס גאנצע אידישע לעבען אין ראטען־פארבאנד איז חרוב געווארען, דאס ווייסט די גאנצע וועלט. אז דאס אידישע לעבען דארטען דארף און מוז איבערגעבויט ווערען, דאס פארשטעהט יעדער רעכטדענקענדער איד צו וועלכער ריכטונג ער זאל ניט באלאנגען און וואס זיין איז'ם זאל ניט זיין.

אין דער דאזיגער ריכטונג, דאס הייסט, איבערצופלאנצען דאס אידישע לעבען אין ראטען־פארבאנד, אום עס זאל זיך צופאסען צו די דארטיגע עקזיסטירענדע אומשטענדען, ארבייטען דריי קערפערשאפטען: דער "אגרא־דזשאינט", דער "ארט" און דער "איקאר".

דער "אגרא־דזשאינט", וועלכער איז דער אמעריקאנער "דזשאינט" באזעצט אידען אויף לאנד אין ראטען־פארבאנד. ער שאפט אידישע קאלאניעס און פירט אריבער דעם שטאדט איד'ן, אדער בעסער געזאגט, דעם געוועזענעם "לופט־מענש" פון שטאדט אין דארף, און מאכט פון אים אן ערד־ארבייטער. די סאוויעט רעגירונג גיט דאס לאנד און דער "אגרא־דזשאינט" שאפט די קאלאניעס און באזעצט דארטען די אידען. א סך מיליאנען דאלאר זענען אין דער דאזיגער קאנסטרוקטיווער ארבייט אריינגעלייגט געווארען פון די אמעריקאנער אידען.

דער "ארט" ארבייט אויף דעם געביט צו אינדוסטריאליזירען די דעקלאסירטע אידען אין ראטען־פארבאנד.

עס איז קלאר, אז ניט אלע אידען קען מען באזעצען אויף לאנד. און דער "אגרא־דזשאינט" האט ניט די געלט־מיטלען צו באזעצען אויף לאנד אפילו די צאל, וועלכע קען באזעצט ווערען. וואס זשע זאל מען טאן מיט די איבעריגע דעקלאסירטע, וועלכע זענען ארויסגעשפיגען פון דאס יעצטיגע לעבען אין ראטען־פארבאנד? דער "ארט" קומט מיט'ן ענטפער.

קויפט מאשינען פאר די דעקלאסירטע, מאכט זיי פאר ארבייטער, זיי זאלען כאטש זיך קענען אנהייבען אינ'ם יעצטיגען לעבען אין ראטען־פארבאנד.

דער "איקאר" גיט זיך אויך אפ מיט באזעצען אידען אויף לאנד. ער געהט אפילו אזוי ווייט, ווי עטאבלירען א אידישע רעפובליק אין בירא־בידזשאן (לויט קאלינינ'ס פראקלאמירונג). וועגען דער טעטיגקייט פון דער דאזיגער ארגאניזאציע איז שוין פיעל גערעדט און געשריבען געווארען פרא און קאנ. אלע געגנער אבער גיבען צו אז די אידעע איז א גוטע. וואס זיי האבען אויסצוזעצען איז געגען די מעטאדען פון "איקאר" אין די פאראייניגטע שטאטען און קאנאדע.

געווען א צייט ווען דער "איקאר" איז געווען אזוי צו זאגען אן אומפארטייאישע ארגאניזאציע. עס זענען דארטען געווען פארטראטען מענשען, וועלכע זענען ניט געווען קיין אויסגעשפראכענע קאמוניסטען. זיי האבען אבער דארטען געפונען א פלאץ צו ארבייטען פאר דער אידישער קאלאניזאציע אין ראטען־פארבאנד. נאך דאן האבען די געגנער פון "איקאר" געטענה'ט, אז די אומפארטייאישע זענען קיין אומפארטייאישע ניט. נאר, אז די קאמוניסטען האלטען זיי פאר א שילד. דער פאקט איז אבער געווען, אז א סך פראמינענטע פערזענליכקייטען זענען געשטאנען אין "איקאר".

אז די דאזיגע אומפארטייאישע זענען געווען סימפאטיקער, וועלכע האבען באמת געמיינט צו ארבייטען פאר דער אידישער קאלאניזאציע אין ראטען־פארבאנד, האט באוויזען די "איקאר" קאנווענשאן מיט צוויי יאר צוריק, ביי וועלכער די קאמוניסטען זענען אפען ארויסגעטראטען געגען די זאגענאנטע אומפארטייאישע און מען האט זיי פון דער "איקאר" לייטונג, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, (ווייל אונז דאכט, אז די אומפארטייאישע זענען ביים רודער פון "איקאר" קיינמאל ניט געשטאנען) ארויסגעשטויסען.

עס איז דאריבער גאנץ קלאר, אז דער "איקאר" היינט צו־טאג איז א ריין קאמוניסטישע ארגאניזאציע. וואלט עס קיין אומגליק ניט געווען, ווייל אויך די ארגאניזירטע קערפערשאפטען אין ראטען־פארבאנד, וועלכע ארבייטען פאר אידישער קאלאניזאציע, זענען געוויינליך קאמוניסטישע, און די סאוויעטען רעגירונג, וועלכע גיט לאנד פאר אידישער קאלאניזאציע, איז אויך א קאמוניסטישע. די אויסזעצונג איז די מעטאדע און די פירונג פון "איקאר" אויף דער זייט ים.

א גרויסען חשד אויף דער ארבייט פון דער ארגאניזאציע ווארפט דאס, וואס מען האט פון דארטען ארויסגעשטויסען יעדען איינעם, וועלכער איז ניט קיין הונדערט פראצענטיגער קאמוניסט. אויב אלעס איז אזוי ערנסט און אויפריכטיג, פארוואס האט מען מורא פאר ניט־קאמוניסטען?

צו שטיצען דעם "איקאר" פארלאנגט מען פון אלע אידען אהן אויסנאמע, אפילו פון ארטאדאקסען. פארוואס זשע גיט דער "איקאר" ניט אפ קיין רעכענונג צו אלע אידען, ביי וועמען ער פארלאנגט שטיצע און באנוגענט זיך בלויז מיט באריכטען צו דער קאמוניסטישער ארגאניזאציע?

דאס און עהנליכע פראגען וועלכע קענען געשטעלט ווערען, ווארפען א גרויסען חשד אויפ'ן "איקאר", אבער מען טאר ניט פארגעסען, אז די ארבייט פון "איקאר", דאס הייסט, די אידישע קאלאניזאציע אין ראטען־פארבאנד איז אן ארבייט, וועלכע דארף אונטערגעשטיצט ווערען. און עס בלייבט איבער צו די, צו וועלכע מען ווענדט זיך. אויב זיי האבען צוטרויען צו דער קאמוניסטישער ארגאניזאציע "איקאר", דאן דארפען זיי ניט צווייפלען צו־שטיצען עס.

אידען אין לעטלאנד פארלירען זייער עקאנאמישע באדען

פארברעכענס צווישען לעטלענדישע אידען.

פון ה. שער.

(ריגא.)

דער ווירטשאפטליכער קריזיס אויף דער אידישער גאס אין לעטלאנד האט זיך אנגעהויבען א סך פריהער, ווי ביי דער איבעריגער באפעלקערונג. אויב עס איז אמת, אז לעטלאנד איז איינע פון די געצעהלטע מלוכות, וואו אידען געניסען פאליטישע גלייכבארעכטיגונג און א ברייטע שול־אויטאנאמיע, קען דאס אבער ניט געזאגט ווערען וועגען דער ווירטשאפטליכער פאליטיק פון דער רעגירונג לגבי די אידען.

אין דער ערשטער רייהע האבען די אידען, בפרט אויפ'ן לאנד, און אין די שטעדטלאך, געליטען פון די לאטווישע קאאפעראטיוון, וועלכע האבען אויסשליסליך מיט דער הילף פון מלוכה־געלט, אויסגעשפרייט זייער נעץ איבער'ן גאנצען לאנד און אפגענומען פרנסה ביי טויזענטער ארימע אידישע קרעמער. א צווייטע גזירה איז פאר די אידען געקומען מיט'ן איינפירען דעם פלאקס־מאנאפאל. דער האנדעל מיט פלאקס איז געווען איינער פון די הויפט האנדעלס־צווייגען אין לאנד, און וועלכען עס זענען דער עיקר געווען באשעפטיגט אידען. ניט איינמאל האבען די אידישע דעפוטאטען אין פארלאמענט אויפגעהויבען די פראגע וועגען אפשאפען דעם פלאקס־מאנאפאל, וועלכער האט ניט נאר רואינירט א טייל פון דער אידישער באפעלקערונג, נאר צו וועלכע אויך די רעגיערונג ליגט צו יעדען יאהר הונדערטער טויזענטער פונט סטערלינג. די שאוויניסטישע פארטייען דערלאזען אבער תמיד ניט דערצו: בעסער זאל די רעגיערונג צוליינען, איידער די אידען זאלען צוריקבאקומען זייער חיונה־מקור.

בשעת פאר דער לעטישער שטודירענדיגער יוגענט זענען אפען די טירען פון די פיעל־צאליגע מלוכה און קאמונאלע אנשטאלטען, וועלכע נויטיגען זיך אין בעאמטע מיט א ספעציעלער בילדונג, געהט ארום די אידישע אינטעליגענץ א פארצווייפעלטע, ניט האבענדיג וואו אנצואווענדען איהרע קענטעניסען.

א באדייטענדער ארבייטס־פעלד פאר דער אידישער באפעלקערונג האט מיט זיך פארגעשטעלט די האלץ אינדוסטרי אין לעטלאנד. די דאזיגע בראנזשע איז געלעגען אין אידישע הענט און האט געגעבען פרנסה צעהנדליגער טויזענטער מענשען. די לאגע אויפ'ן האלץ־מארק אין לעטלאנד האט זיך אבער קאטאסטראפאל פארערגערט זינט דעם פאריגען יאהר, ווען סאוויעט־רוסלאנד האט אנגעהויבען טרייבען איהר דאמפינג־פאליטיק און ארויסגעווארפען אויפ'ן געלט־מארק געהילץ צו אזעלכע פרייזען, מיט וועלכע לעטלאנד און די איבעריגע מלוכות האבען ניט געקאנט קאנקורירען. די דאזיגע דאמפינג־פאליטיק, האט ניט נאר אפגענומען ברויט ביי נייע טויזענטער אידישע אנגעשטעלטע, נאר האט אויך רואינירט די סוחרים, פאבריקאנטען, וועלכע האבען אין משך פון א קורצער צייט אנגעווארען זייערע אלע קאפיטאלען.

דעם קולמינאציאנס־פונקט האט אבער דער קריזיס אויף דער אידישער גאס דערגרייכט ערשט איצט. געשעהן איז עס צוליעב דער נייער פאליטיק פון לאטווישען מלוכה־באנק, וועלכע האט אין דער ערשטער שורה ווידער געטראפען די אידען.

ביז ניט לאנג צוריק האט די מלוכה באנק געהאלטען אין איין געבען קרעדיטען אויף רעכטס און אויף לינקס. יעדע לאטווישע פאליטישע פארטיי האט איהרע פארשטעהער אין באנק און מען האט פון איהר גערויסען, וויפיעל עס האט זיך נאר געלאזט. אן אויסנאם אין דעם פאל האבען מיט זיך פארגעשטעלט די אידען, וועלכע האבען ניט קיין פארשטעהער אין באנק און האבען במילא זיך ניט געקאנט באטייליגען אין דער כבודים־פארטיילונג. פאר יעדען בר־דעת איז קלאר געווען, אז אזא מין באלעבאטעווען קאן לאנג ניט אנהאלטען און מוז ברענגען צו א קאטאסטראפע.

ערשט איצט האט מען זיך ארומגעקוקט, אז אויב עס וועט נאך אביסעל אזוי ווייטער געהן, וועט שוין מעהר ניט זיין וואס צו טיילען. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז עס איז געשטעלט געווארען אין סכנה דער קורס פון דער לעטלענדישער וואליוטע. האט מען אנגעהויבען טראכטען וואס צו טאן און מען האט איינגעפונען, אז דער איינציגער וועג ארויסצוקריכען פון זומפ, אין וועלכען מען איז פארבלאנדזשעט איז אפצונעהמען א טייל קרעדיטען, וואס זענען פריהער ארויסגעגעבען געווארען. דער באשלוס האט אין לאנד געמאכט א געוואלדיגען רושם. דער גרעסטער טייל לאטווישע פאבריקען און אונטערנעהמונגען זענען אויסגעבויט געווארען כמעט אינגאנצען אויף מלוכה־געלטער מיט דער כוונה צו שאפען אן אייגענע לאטווישע נאציאנאלע אינדוסטריע. און אט, בשעת די מלוכה־באנק האט אנגעהויבען פארווירקליכען איהר באשלוס, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די אלע אונטערנעהמונגען האבען זיך געקאנט האלטען נאר מיט געלט וואס זיי האבען באקומען פון דער מלוכה און ווי באלד די מלוכה נעהמט אפ צוריק א טייל פון איהר געלט, האבען זיי ניט קיין אנדער ברירה ווי צומאכען זייערע אונטערנעהמונגען. דער פועל יוצא דערפון איז געווען — א נייע כוואליע ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד.

די פאליטיק פון מלוכה־באנק האט אויך פסיכאלאגיש שלעכט געווירקט אויף דער באפעלקערונג און דער עולם האט אנגעהויבען ארויסנעהמען די פקדונות פון די פריוואטע בענק. די מלוכה־באנק האט געקירצט דעם קרעדיט אויך פון די פריוואטע בענק און וויבאלד זיי האבען דורך דעם אנגעהויבען פיהלען א דוחק אין געלט־מיטלען, האט מען אויפגעהערט ארויסגעבען הלוואות, דיסקאנטירען וועקסלען און בכלל באגרעניצען די באנק־אפעראציעס. און ווידער האט פון דער דאזיגער גזירה אין דער ערשטער שורה געליטען דער אידישער סוחר, וועלכער איז אויסשליסליך אנגעוויזען אויף די פריוואטע בענק.

קיינמאל זענען אין לעטלאנד ניט פארגעקומען אזוי פיעל אידישע באנקראטען ווי איצט. עס פארמאכען זיך ניט נאר פריש אויפגעקומענע פירמעס, נאר אלטע סאלידע אונטערנעהמונגען, וואס עקזיסטירען שוין צעהנדליגער יאהרען. און די וואס פארמאכען זיך ניט, לאזען אפ די אנגעשטעלטע, רעדוצירען די שכירות. צווישען די באלעבאטים מערקט זיך איצט א נייע טענדענץ: ניט צו צאהלען קיין פעסטע שכירות, נאר אז די אנגעשטעלטע זאלען באקומען א באשטימטען פראצענט פון אומזאץ. דער דאזיגער נייער סדר איז שוין איינגעפירט געווארען אין א גרויסער צאל אונטערנעהמונגען און ער ווייזט ארויס א טענדענץ אנצונעהמען אן אלגעמיינעם כאראקטער. די אנגעשטעלטע קעמפען געגען דעם, אבער ביי דער געשעפטנער לאגע איז שווער צו גלויבען, אז זיי זאל זיך איינגעבען צו געווינען דעם קאמף.

די אומגעהויערע נויט אויף דער אידישער גאס האט, זעלבסטפארשטענדליך, אויך פארגרעסערט די פאדערונגען, וואס ווערען איצט געשטעלט די פארשידענע הילפס און וואוילטעטיגקייטס פאראיינען. אבער גראד איצט קענען זיי נאך ווייניגער העלפען ווי פריהער.

ריגע האט פון כמה יאהרען גע'שמ'ט פאר א שטאדט, וואס איז באקאנט מיט פילאנטראפיע. איהר וועט אין ריגע זעלטען טרעפען א באמיטעלטען אידען, וואס איז ניט פארשריבען אין איינעם אדער אין עטליכע צדקה־חברות אדער געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וואו ער האט יעדען חודש געצאלט מיטגליעדס־געלט. בשעת אבער מען קוקט איצט אליין אויס אויף א רובעל, ליגט קיינעם ניט אין קאפ צו צאהלען נאך אין פאראיינען.

לעבען זיי טאקע איצט איבער א שווערע צייט. די מצה־קאמיסיע, וואס האט היינטיגען ערב־פסח פארטיילט אומזיסטע מצה פאר 9,000 אידען, האט דערווייל נאך ניט צונויפגעקליבען קיין דריטעל פון דער נויטיגער סומע.

אין א שווערער לאגע געפינט זיך אויך די געזעלשאפט "ארט". זי האלט אויס א נייהע שול, אין וועלכער עס לערנען זיך 48 מיידלאך, וועלכע באקומען דארט אויך פריהשטיק. דער דוחק אין געלט־מיטלען איז אין פאראיין אבער אזוי גרויס, אז עס ווערט געפלאנט צונויפצורופען א פארזאמלונג פון די מיטגלידער, אויף וועלכער די פארוואלטונג וועט מיטטיילען, אז ביי דער איצטיגער לאגע, קען דער פאראיין ווייטער ניט עקזיסטירען און ער מוז זיך ליקווידירען.

עס זענען פארעפענטליכט געווארען אינטערעסאנטע סטאטיסטישע דאטען וועגען די פארברעכענס אין לעטלאנד פאר'ן פארגאנגענעם יאהר. פון די דאזיגע דאטען דערוויסען מיר זיך, אז אין משך פון יאהר זענען גע'משפט געווארען פאר'ן באגעהן מארדען 152 פערזאן, פון וועלכע 2 פערזאן זענען אידען. אידען־מערדער בילדען אין לעטלאנד נאר איינס און א פינפטעל פראצענט, בעת דער אידישער קיבוץ באטרעפט 5 פראצענט. די אידען האבען, הייסט עס, דריי מאל ווייניגער מערדער, ווי די "נארמע", אויף וועלכע "זיי האבען דאס רעכט".

אינגאנצען זענען צווישען די 12,235 פערזאנען, וואס זענען באשטראפט געווארען פאר עובר זיין דעם געזעץ, געווען 146 אידען, וואס מאכט אויס לערך דריי און איין פינפטעל פראצענט. אזוי ווי אידען אין לעטלאנד בילדען, ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען, 5 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג, דארף מען אנערקענען, אז אין אלגעמיין איז די צאל פארברעכענס ביי דער אידישער באפעלקערונג אין לעטלאנד קליין און ווייזט ארויס א טענדענץ זיך נאך מעהר צו פארקלענערען, ניט קוקענדיג אויף די שווערע מאטעריעלע פארהעלטנישען, מיט וועלכע עס קומט אויס דעם אידען צו קעמפען א סך מעהר, ווי דער איבעריגער לעטלענדישער באפעלקערונג. דער אידישער קיבוץ באשטעהט כמעט אויסשליסליך פון שטאדטישע איינוואוינער, בעת די שטאדטישע באפעלקערונג אין לעטלאנד גיט דורכשניטליך איין באשטראפטען אויף יעדע 110 איינוואוינער, קומט אויס ביי דער אידישער באפעלקערונג 1 באשטראפטע פערזאן אויף 228 איינוואוינער. דאס הייסט, אז די צאהל פארברעכענס ביי אידען אין לעטלאנד איז מעהר ווי צוויי מאל קלענער, ווי ביי דער איבעריגער באפעלקערונג. זיך באקענענדיג מיט די סיבות, וואס האבען די אידען געשטויסען צו באגעהן פארברעכענס, זעהט מען, אז די גרעסטע צאהל פון זיי איז ארויסגערופען געווארען דורך נויט און נייטיגקייט. דאגעגען איז די השפעה פון אלקאהאל און אייפערזוכט ביי אידען א נישטיגע. די דאזיגע צוויי ליידענשאפטען זענען כמעט אינגאנצען פרעמד דעם אידישען פארברעכער.

("איטא".)

נקמה און נאך אמאל נקמה

פון ר. לייביש.

עס איז גאנץ מעגליך, אז עס וואלט גארניט געשאדט, ווען מען זאל גארניט שרייבען וועגען שווארץ'ס פארשטעלונג פון "גאט פון נקמה", ווייל איז דאס טאקע אזא חיוב ניט דורכלאזען קיין פארשטעלונג אהן א רעצענזיע, ווער שמועסט איבער דער דראמע וועגען וועלכער מען האט אזוי פיעל געשריבען.

איז אבער די דראמע געשריבען געווארען פון שלום אש'ן אליין, געשפיעלט האט זי מאריס שווארץ און הייסען הייסט זי "גאט פון נקמה" — זיינען דאס אלץ אזעלכע הויך־קלינגענדע נעמען, אז מען קען זיי בשום אופן ניט ארומגעהן מיט שטיל שווייגען.

און וואלט איך געווען אן אלט־מאדישער בעל־קריטיק, וואלט איך געפרעגט א זעהר אלטע קשיה:

וואס איז דער מוסר־השכל פון דער דראמע? צוליעב וואס האט שלום אש זי באדארפט אינגאנצען שרייבען?

אז די דראמע איז פול מיט שקרים, ווייסט דאך יעדער איינער.

האט דאך שלום אש אליין אויך געוואוסט, אז סופרים האלטען ניט קיין מיסטישע דרשות. אז יענקעל שאבשאוויטשעס האלטען ניט אין איין ריידען וועגען דער "הייליגער" תורה, און באשקעס פארפאסען ניט קיין אידיליעס. טא צוליעב וואס טאקע האט שלום אש אנגעשטאפט יעדען איינעם פון זיינע העלדען מיט א מויל פול מיט באמבאסטישע פראזען? צוליעב וואס טאקע איז די דראמע איבערפולט מיט פאלשער רעטאריק און בכלל געקינצעלטקייט?

ענטדעק איך ניט קיין נייע אמעריקעס, מיט מיין פרעגען די אויבענגעבראכטע שאלות און וועל אויך גארניט מחדש זיין אז איך וועל געבען די אלט־באקאנטע תשובות:

איין תשובה איז, אז די גאנצע דראמע דארף באטראכט ווערען אלס איין גרויסער פליטת הקלמוס. גאנץ פשוט: צו ווייל שלום אש'ס טאלאנט איז נאך געווען "גרין", אדער אדער ווייל יעדער מענש מוז אמאל באגעהן א פעהלער, האט שלום אש אנגעשריבען די לחלוטין אומגעלונגענע זאך.

דער צווייטער תירוץ איז, אז שלום אש האט גראדע גאנץ גוט געוואוסט וואס ער שרייבט, נאר ער האט דאס געשריבען מיט א כונה צו אויסנעהמען ביי די גוים. פארשטעהט איהר מיך, ער איז אין דער הינזיכט פארלאפען אנסקי'ן ע"ה דעם וועג.

ער האט נאך צוריק מיט א פיעל יאהרען תופס געווען אז די גוים האבען ליעב צו זעהן אידישע זאכען נאר ווען א דבוק האט זיך אין זיי אריינגעכאפט. גוים האבען ניט ליעב צו זעהן טאג־טעגליכע אידען, וועלכע זיינען פשוט'ע בשר ודם'ס. דערפאר, זעהט איהר, אבער ווען מען ווייזט זיי עקזאטישע אידען, אידען וואס מיט איין פוס שטעהען זיי אין הייזעל און מיט'ן צווייטען שפארען זיי אן ביי הימעל ענינים, ביי דער "הייליגער תורה", אט, זעהט איהר, מיט אזעלכע אידען קען מען גאר־גאר אויסנעהמען ביי די גוים. און כפי שלום אש איז ממש אויסגעגאנגען דאס חיות צו ווערען באריהמט ניט נאר ביי אידען, נאר אויך ביי די גוים — האט ער טאקי צוליעב דעם אנגעשריבען אט די מעשה־נורא וועלכע הייסט "גאט פון נקמה".

און שלום אש האט געמעגט זיין זיכער מיט'ן ערפאלג ביי די גוים — נאך איידער אפילו ער האט די דראמע פארעפענטליכט. ווייל האט דאך גארקי אזוי אויסגענומען מיט זיין "גאט זוכענדע" באסיאקעס? איז דאס א מכל שכן ווי ס'וועט נושא חן זיין אין די גויאישע אויגען א אידישער באסיאק, וועלכער האלט אויך אין איין ריידען וועגען גאט און אמת, וועלכער איז אויסגעפוצט אין בארד און פאות און טראגט זיך נאך דערצו ארום מיט א "טארא". עפעס איין קלייניגקייט א "טארא". און נאך מעהר האט שלום אש צוגעטראפען די גוים דערמיט וואס ער האט זיין זאך אנגערופען גאט פון נקמה. עס ווערט דאך שוין באלד צוויי טויזענט יאהר פון זינט די גוים האלטען אין איין טענה'ן אז אלקיהם, זייער גאט, איז פול מיט רחמים און חנינה, און אז אלקינו, נאש באג, איז א געפעהרליכער "נוקם ונוטר", איז א מענשען־פרעסער, "יאהאווא". זיינען די אידען געוואלדיגע עקשנים און ווילען ניט אנערקענען דעם באשיינפערליכען אמת. וואס זשע טוט גאט (דער גויאישער צו דער אידישער?) נעהמט א שרייבער, און דוקא א אידישען, און צווינגט איהם ערקלעהרען בפני קהל ועדה אז דער אידישער גאט איז טאקע א גאט פון נקמה. נו, איך בעט אייך, וועט דאס הארטנעקיגע פאלק נאך אלץ ווידערשפעניגען און ניט וועלען אנערקענען אז עס איז פאראן נאך א גאט פון חסד, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

האט זיך שלום אש טאקע ניט טועה געווען.

די גוים האבען זיך אנגעכאפט אין דעם אידישען נקמה־גאט ווי אין אן אבן טוב. און דער ענגלישער איבערזעצער פון דער דראמע רעדט קלאהרע דבורים: "א חוץ דעם וואס די זאך איז צום ערשטען אויפגעפיהרט געווארען דורך מאקס ריינהארט (בכבודו ובעצמו!) אין דייטשען טעאטער אין בערלין, האט אט די מעכטיגע דראמע איינגענומען אלע הויפט ביהנעס פון אייראפע. זי איז אויפגעפיהרט געווארען אין גאנץ דייטשלאנד, עסטרייך, רוסלאנד, פוילען, האלאנד, נארוועגען, שוועדען און איטאליע". צי די זאך איז אויך אויפגעפיהרט געווארען אין אבעסיניען און סיאם — דערצעהלט אונז ניט דער איבערזעצער, אבער סיי ווי־סיי, דארפען מיר ניט צושמאלצען ווערען פון נחת אז אזוי פיעל גוים האבען זיך געוויקט מיט אידישער "קונסט", און דער אידישער כבוד איז דורך דעם געשטיגען — הגם מיין וועניגקייט האט גאר קנאפע פארגעניגען פון אט דעם מאדערנעם כבוד און עס בענקט זיך מיר שוין נאך די גוטע אלטע צייטען פון "המגיד" און "המליץ" ווען מען פלעגט זיך האלטען אין איין צאצקען מיט'ן "יקר ותפארת ישראל בחצרות מלכים ורוזנים", יענער יקר איז כאטש געווען אנשטענדיג.

בכדי צו יוצא זיין פאר אלעמען מוז מען נאך דערמאהנען מיט א פאר ווערטער שווארץ'ס שפיעלען. האט שווארץ געהאט גארניט קיין גרינג שטיקעל ארבייט. האבען גויאישע קריטיקער געמעגט אריינפאלען אין קעלבערנע התפעלות פון אט דער אויסמישעכץ פון סקווערנע ווערטער מיט אידישער "קאבאלא" — אבער אחינו בני ישראל ווערען נאר וועניג נתפעל פון אזעלכע זאכען, ווייל וואס איז שייך מיאוסקייט האבען מיר עס גענוג געהאט אין "אויפ'ן דנא", אין קיפרינס "גרוב"; אין שאו'ס "מיס ווארען" און טאקי מעהר פון אלעמען אין לעבעדיגען לעבען. און "געטליכקייט" דארפען אידען אין דער דראמע אודאי און אודאי ניט זוכען. האט מאריס שווארץ, ווי עס ווייזט אויס, דאס אלעס געוואוסט און ער האט זיך דערפאר מיט אלע זיינע כחות באמיהט צו מאכען א לייט פון דער דראמע.

שווארץ אין דער ראלע פון יאנקעל שאבשאוויטש האט ממש באוויזען וואונדער. און כאטש זיין רעדען איז ניט תמיד געווען אויסגעצייכענט (ווייל ער האט דאך ניט געקענט איבערמאכען שלום אש'ס לא יוצלח'דיגע ווערטער, און צווייטענס האט ער געהאלטען אין איין פלאנטערען זיך צווישען פוילישען אויסשפראך און ליטווישער הברה) איז ער דערפאר געווען ממש גענאל אין די שטומע סצענעס. ווען ער האט מיט איין בליק פונ'ם אויג און מיט איין מאך מיט דער האנט אויסגעדריקט פיעל מעהר ווי שלום אש מיט הונדערטער ווערטער. אויף וויפיעל עס איז נוגע דעם שטומען צער און צארן פון יאנקלען, האט איהם מאריס שווארץ וואונדערבאר ארויסגעבראכט.

יהודית אברבנל אלס רבקה'לע — כאטש זי שיינט צו זיין א גאנץ חנ'עוודיג מיידעל — מוז מען אבער זאגען דעם אמת, אז זי האט געשפיעלט זעהר מיטעלמעסיג — און אפשר האט זי ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווייל איהר ראלע איז דאך פארט געווען, ווי שלום אש האט זי פאו תאסס, די אממייסטען פאלשע און געקינצעלטע.

ווי די זאך זאל ניט זיין — זי האט געגעבען דעם קאזיאנע טיפ פון צניעות. פונקט אזוי האט זי געקענט שפילען אפעליא אין "האמלעט", אדער אין וועלכער עס איז ניט אנדערער גויאישער דראמע. די זעלבע אראפגעלאזענע אויגען, די זעלבע פארלייגטע הענט און שעמעוודיגקייט — בקצור, דער קאזיאנער טיפ פון צניעות. קיין באזונדערעס, וואס האט זיך געפאסט נאר פאר רבקה'לען און וואס קיין אנדערער וואלט עס ניט געקענט שפילען, האט אונז אברבנל ניט געגעבען. דאך איז איהר שפיעלען געווען זעהר חנ'עוודיג.

זעהר נאטירליך האט חנה אפעל געשפיעלט די ראלע פון שרה'ן. זי האט פארגעשטעלט א בעל־הבית'טע פון א "הייזעל" מיט אלע קליפעראלאך. איהר פוילישע אויסשפראך איז געווען אויסגעצייכענט און, בכלל, האט זיך געמערקט אז זי האט גרינטליך פארשטאנען איהר אויפגאבע.

די "מיידלאך" האבען געשפיעלט ווי "מיידלאך" דארפען שפיעלען און סטעלא אדלער האט גאנץ בולט ארויסגעבראכט דעם רוח הטומאה אין דער סצענע צווישען איהר און רבקה'לען — שוין אפשר צופיעל.

וו. גאלדפאדען, אלס שלמה, האט גערעדט דעם נבול־פה און געגעבען די פעטש אזוי גוט, אז שלום אש אליין וואלט געווען צופרידען ווען ער זעהט עס.

און זאל דערמאהנט ווערען צום גוטען יודעל דובינסקי, אלס אלי שדכן. ער האט זיך גארניט דערשראקען פאר שלום אש'ס "ליטעראַרישקייט" און האט זיך געשפיעלט זיין ראלע, ווי תמיד, מיט גרויס פשטות. עס איז אויסגעקומען ווי איינער זאל זאגען: דו, שלום אש, מעגסט טאקי שיסען מיט הויכע ווערטער, איך, יודעל דובינסקי, בין אויך א מבין אויף א זאך און ווייס ווי צו באשטעהן מיין שטעטעל... עס איז געווען א מחיה צו זעהן איהם שפיעלען און ער האט פארשאפט דעם עולם זעהר פיעל פארגעניגען.

* * *

יא, אויב איך האב פון דער דראמא גארניט געלערענט, האב איך אבער פון דעם שפיעלען יא געלערענט א מוסר השכל: וועה איז צו דעם דראמאטורג ווען ער שרייבט אן א שלעכטע זאך און גיט דאס גוטע אקטיארען אויף צו שפילען. די גוטע אקטיארען ווייזען אונז דאן דעם דורכפאל פון דראמאטורג. דאס איז אויך געשעהען מיט דער "גאט פון נקמה" פארשטעלונג. שווארץ האט מיט זיין גאנצען טאלאנט קלאהר ארויסגעוויזען אויך ווי ווייט שלום אש'ס ווערטער טויגען ניט, און מיר האבען די גאנצע צייט באדויערט וואס אזעלכע גוטע אקטיארען דארפען פארשווענדען זייער טאלאנט אויף אזא ניט געלונגענער זאך.

שלום אש האט דאס ווייזט אויס אויך שפעטער פארשטאנען און ער האט דערנאך ארויסגעגעבען א פיעל פארבעסערטע אויפלאגע פון "גאט פון נקמה" — דאס איז "מאטקע גנב".

אבער דערווייל האט דער גאט פון נקמה באוויזען אז ער איז נאך גענוג מעכטיג, — ווייל אז שווארץ זאל דעמאנסטרירען דאס נישטיגקייט פון גאט פון נקמה — איז באמת דער בעסטער אופן ווי צו נעהמען נקמה פון שלום אש'ן.

אט דאס איז דער כח פון נקמה...

שטארבט פון בלוט פארגיפטונג פון א וואונד אין האנט

ארטור פראנקלין, 65 יאהר אלט, פון מעקדאנאלד עוועניו, האמבער בעי, איז אין טאראנטא דזשענעראל האספיטאל געשטארבען פון בלוט פארגיפטונג, וואס האט זיך אנטוויקעלט פון א וואונד אין האנט, וואס ער האט געקראגען ביי דער ארבייט מיט א וואך צוריק.

פריינקלין האט געארבייט ביי דער באהימאר קלאטהינג קאמפאני אויף 1179 קינג סטריט וועסט, און מיט א וואך צוריק האט ער איינגעשניטען זיין האנט. ער האט די וואונד פארלאזט, און בלוט פארגיפטונג האט זיך אנטוויקעלט.

די רעארגאניזאציע אינ'ם בריטישען קאבינעט

סנאודען, פאספילד, דזש. ה. טאמאס און לאיד דזשארדזש זענען די קאנדידאטען.

פון י. פייגעלמאן

די נעמען פון א צאהל פון די גרעסטע פאליטיקער און שטאאטסמענער אין ענגלאנד, זענען אין די לעצטע עטליכע טעג ארויפגעשוואומען אויפ'ן אויבערפלאך פון דער ענגלישער פאליטישער ארענא, אין פארבינדונג מיט וויכטיגע ענדערונגען וואס די ארבייטער רעגירונג פלאנעוועט צו מאכען אין דעם צוזאמענשטעל פון איהר קאבינעט.

צווישען די נעמען וואס זענען דערמאהנט געווארען זענען לארד פאספילד, ענגלאנדס קאלאניאל מיניסטער; רייט האנ. פיליפ סנאודען, דער אזוי גערופענער "מארך" פון ענגלאנד'ס נייער פינאנץ פאליטיק; רייט. האנ. דזש. טאמאס, דער מיניסטער איבער די דאמיניאנס. די נעמען פון קאל. וועדזשוואוד און קענוואארטי זענען אויך דערמאהנט געווארען אין פארבינדונג מיט דער באשטימונג פון א נייעם האי־קאמישאנער פאר פאלעסטינע.

מעהרערע ווידערשפרעכענדע באריכטען זענען דערהאלטען געווארען אין צוזאמענהאנג מיט די דאזיגע נעמען, אבער אין קיין איינעם פון די דאזיגע באריכטען איז ניט דערמאהנט געווארען דער נאמען פון א פערזאן וועלכער איז, דוכט זיך, די גאנצע אורזאך פון דער געפלאנטער ענדערונג אין דעם איצטיגען בריטישען קאבינעט.

דאס איז דער נאמען פון דעם "ליטל וועלשמען" וועלכער איז, ווי אויף צו להכעיס אויסגעלאזען געווארען פון אלע באריכטען.

"די ליטל וועלשמען" — דאס איז דער צויבער־נאמען אין דער פאליטישער ענגלאנד. צווישען די בריטישע־פאליטיקער איז ער מעהרער באקאנט אונטערן נאמען "די ליטל וועלשמען" ווי מיט זיין אמת'ן נאמען דייוויד ללאיד דזשארדזש. דאס איז דערפאר ווייל ער איז שטענדיג אין צענטער פון ענגלאנדס פאליטיק. זיין נאמען געהט קיינמאל ניט ארונטער פון די ליפען פון דעם ענגלישען פאלק. ער איז אפשר דער באליעבטסטער פערזאן אין ענגלאנד — אפילו צווישען זיינע געגנער.

איז עס ניט מערקווירדיג וואס דוקא זיין נאמען איז אין די לעצטע טעג פארשוויגען געווארען? זאל זיין, אז זיין נאמען איז בכיון אויסגעלאזען געווארען. אדער הינטער דער גאנצער זאך שטעקט א הינטער פאליטיק.

ווען מען זאל פרעגען, וואס אדער ווער איז דער וויכטיגסטער פאקטאר אין דער עקזיסטענץ און אויפהאלטונג פון דער ארבייטער רעגירונג אין ענגלאנד, מוז מען אויף דעם ענטפערען —

ללאיד דזשארדזש!

ניט די ליבעראלע גרופע אין פארלאמענט האט, ביז איצט אויפגעהאלטען די ארבייטער רעגירונג אין ענגלאנד, נאר ללאיד דזשארדזש.

מיט א פאר וואכען צוריק איז אין דער שטאדט בוקסטאן, דעבינשייר ענגלאנד, אפגעהאלטען געווארען די יערליכע פארזאמלונג פון דער "נאציאנאלער ליבעראלער פעדעראציע". ביי דער דאזיגער פאראזמלונג האט עס געהאלטען דערביי אז די ליבעראלען זאלען עפענטליך זיך אפרייסען פון דער רעגירונג און לאזען זי פאלען, אבער לאיד דזשארדזש איז געווען דער וואס האט די דאזיגע, מעגליכע קאטאסטראפע פאר דער ארבייטער רעגירונג פארמידען. ער האט באוויזען צו קריגען די צושטימונג פון דעם צוזאמענפאהר "אז די ליבעראלען פארפליכטען זיך אויף ווייטער צו שטיצען די רעגירונג".

דאס איז געווען א וויכטיגער זיעג פאר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער רעגירונג. אבער נאך א וויכטיגער זיעג איז עס געווען פאר דער פיהרערשאפט פון דעם "ליטל וועלשמען", און פאר זיין ביז איצטיגער גינסטיגער פאליטיק בנוגע דער ארבייטער רעגירונג.

ווער אלזא, איז דער וויכטיגסטער פאקטאר אין דער עקזיסטענץ פון דער ארבייטער רעגירונג?

די רעגירונג ווייסט דעם ענטפער, און עס איז גאנץ פארשטענדליך אז דער דאזיגער פאקט, איז אפשר די הויפט אורזאך פון פרעמיער מעקדאנאלדס געפלאנטער קאבינעט־רעארגאניזאציע. טראץ דעם וואס דער נאמען פון דעם "ליט'ל וועלשמען' איז אין די לעצטע טעג ניט דערמאהנט געווארען צוזאמען מיט די נעמען פון לארד פאספילד, פיליפ סנאודען אדער ה. דזש. טאמאס, פונדעסטוועגען איז דאך עס כמעט ווי זיכער אז די קלאנגען וועלכע האבען זיך פארשפרייט בנוגע סנאודענס רעזיגנאציע און וועגען דער רעזיגנאציע פון לארד פאספילד, האבען א שייכות מיט דעם "ליטל וועלשמען".

שוין לאנג האט מען גערעדט אז מעקדאנאלד פלאנט אריינצונעהמען ללאיד דזשארדזש'ן אינ'ם קאבינעט. עס איז אבער אלץ ספעקולירט געווארען וואס פאר א פארטפאליא ער וויל איהם איבערגעבען. איצט ווייזט עס אויס, אז מיט סנאודענס ארויסטריט, וועט ללאיד דזשארדזש אריינטרעטען, און דער דאזיגער אמט איז ווירקליך זעהר א פאסיגער פאר איהם, אלס פעהיגער פאליטיקער, און אלס גרינדליכער קענער פון ענגלאנדס פאליטיק, וועט ער קאנען מיט דעם דאזיגען אמט עפעס אויפטאן פאר'ן לאנד.

עס איז אויך אמת אז מיט סנאודענס ארויסטריט, וועט די ארבייטער רעגירונג פארלירען א וויכטיגען מיטגליעד פון איהר קאבינעט. די רעגירונג האט אבער אזוי מאנעווירט, אז זי זאל סנאודענען אינגאנצען ניט פארלירען.

די ארבייטער רעגירונג איז בלוטיג פאראינטערעסירט צו פארגרעסערען איהר פארטרעטערשאפט אין לארדען הויז, ווייל זי האט זיך צו אויסשטעהן געהאקטע צרות פון די אדעליגע לארדען. פאר דעם צוועק האט זי סנעל'ן געמאכט פאר א לארד און אויך סידני וועב'ן. איצט וויל זי ארײנקריגען סנאודענען אהין. שאפענדיג פאר זיך, דורך דעם א טריא פון אייגענע מענשען אין דעם לארדען הויז.

מענשען וועלכע זענען נעהענטער באקאנט מיט סנאודענס באציהונגס צום לארדען־הויז, מוזען לאכען אין די הויזפענס, וואס דער זעלבער סנאודען, וועלכער האט זיך, ניט איין מאל אזוי גאליג אויסגעשפראכען וועגען דעם לארדען־הויז וועט איצט דארפען אליין דארט זיצען.

סנאודענס שטעלונג צום לארדען־הויז איז געווען פונקט די זעלבע ווי פון יעדען ראדיקאלען ענגלישען בירגער און פונקט ווי עס איז די שטעלונג פון יעדען קאנאדער ראדיקאלען בירגער צום סענאט אין אטאווא. דער כאראקטער פונ'ם קאנאדער סענאט, און פון דעם לארדען הויז אין לאנדאן, איז איינער און דער זעלבער. ביידע זיינען זיי פאליטישע מושב זקנים'ס, מיט א קאנסערוואטיווער טענדענץ צווישען די אייביג־באשטימטע מיטגליעדער, ביידע, סאי דער קאנאדער סענאט, און סאי דאס לארדען־הויז אין ענגלאנד, זענען געגנעריש, צו אלץ וואס איז מעהר אדער וועניגער פראגרעסיוו. און ווען א ביל וועלכער שמעקט אביסעלע מיט ראדיקאליזם ווערט אנגענומען אין פארלאמענט, ווערט ער נאכדעם צוריקגעווארפען פון סענאט אדער לארדען־הויז, וועמענס גוטהייסונג יעדער ביל מוז באקומען איידער ער קאן ווערען א געזעץ.

נו, איז עס דען, א וואונדער וואס דער סאציאליסט סנאודען, זאל זיין א פארביטערטער שונא פון דעם לארדען־הויז? און איז עס דען ניט א שפיעל פון דעם שיקזאל וואס סנאודען וועט דארפען זיצען מיט די זעלבע לארדען אינ'ם זעלבען צימער, אויב ער זאל ווירקליך ווערען לארד?

אויף ווי ווייט די צוריסענקייט צווישען דעם לארדען הויז און דער ארבייטער רעגירונג איז איצט גרויס, קאן אונז אמבעסטען אילוסטרירען דער פאלגענדער בריעף וואס פרעמיער מעקדאנאלד, האט די טעג אפרעפענטליכט וועגען דעם לארדען קאמער.

"שקלאפעריש צו יעדען קאפריז און פארשלאג פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, האבען די לארדען זיך אומגעקעהרט צו א לעבען פון פיינטליכקייט, אזוי שנעל ווי די ארבייטער רעגירונג האט אנגעהויבען פארנאנדערוויקלען איהר פאליסי. מיר האבען אויפגעבויט די לייבאר פארטי, מיר האבען פארלאנגט פונ'ם פאלק צו געטרויען אונז ביים שטימקאסטען און אונזערע פאליטישע מעטאדען; מיר האבען פארשוועגדט צייט און געלט אין די וואהלען, און ווען מיר האבען געטאן אלעם וואס א פאליטישע דעמאקראטיע קען טאן, קאן א קערפערשאפט פון אונפאראנטווארטליכע פאליטישע פארטיזאנער, וועלכע האלט אויף די קאנסערוואטיווע פארטיי שטענדיג אין מאכט, זיך אויסלאכען און געגענשטעלען זיך דער רעגירונג וועלכע איז דערוועהלט געווארען פון דעם פאלק.

'אויב דאס דאזיגע לאנד וויל אויסמיידען די צרות וועלכע אנדערע לענדער האבען דורכגעמאכט, מוז דער דראהענדער טשאלענדזש פון די לארדען, אויפגענומען ווערען, און די מאסען וועהלער מוזען פארזיכערט ווערען אז פארטרעטערשאפט דעמאקראטיע איז ניט א קאמבינאציע פון ווערטער נאר א טעכטיגע קראפט".

אט ווארום די ארבייטער רעגירונג איז אזוי פאראינטערעסירט צו פארגרעסערען איהר פארטרעטערשאפט אין לארדען הויז.

אין פארבינדונג מיט דער געפלאנטער קאבינעט ענדערונג, איז דערמאהנט געווארען אז רייט האנ. ה. דזש. טאמאס, וועלכער איז יעצט מיניסטער איבער די דאמיניאנס, וועט מעגליך באשטימט ווערען אויף פאספילדס פלאץ.

ביי דעם דאזיגען פונקט מוזען מיר אוועקשטעלען די פראגע: "איז עס גוט פאר אידען?"

דער קאלאניאל אפיס האט א היבשע שייכות מיט'ן אידישען פאלק און עס איז דעריבער פאר אונז פון באזונדערען באדייט צו וויסען, ווער עס שטעהט אן מאדער שפיץ פון דעם קאלאניאל אפיס. מען זאגט אין אידיש ,אז מען טאר ניט בעטען אויף א נייעם מלך, אבער, אין דעם אידישען לאגער ווערט געוויס אויפגענומען ווערען מיט א געוויסער מאס פון פארלייכטערונג אויב טאמאס — וועלכער האט זיך ביי פארשיעדענע געלעגענהייטען אויסגעשפראכען אלס ווארימער אידען־פריינט — זאל פארנעהמען פאספילד'ס פלאץ.

און צוזאמען מיט'ן פאקט וואס די נעמען פון קאל. וועדזשוואוד און קענווארטהי ווערען דערמאהנט אין פארבינדונג מיט דער האי־קאמישאנערשיפ פאר פאלעסטינע, איז די לעצטע געפלאנטע ענדערונג אין דעם בריטיש קאבינעט (טאמאס אויף פאספילד'ס פלאץ) געוויס אן ענין פון באזונדערען אינטערעס פאר דעם אידישען פאלק.

עס איז אייגענטליך דערווייל נאך נאך שווער צו פאראויסזאגען אין וואס די קאבינעט־רעארגאניזאציע וועט ווירקליך באשטעהען, אבער אז א רעארגאניזאציע וועט געמאכט ווערען, אין דעם, איז גאר קיין ספק ניט. ווארום ווי זאגט ערגעץ א אידיש ווערטעל: "אז מען קלינגט איז חגא".

דער געלערנטער און דער תלמיד חכם

פון יהשע אלטמאן.

האבען זיך די רוסישע קאמוניסטען ענדליך דערטראכט, אז די ריינע וויסענשאפט איז אן איבעריגע זאך. האבען זיי דערמיט גארניט מחדש געווען. זיי זענען ניט די ערשטע אין זייער געגנערשאפט צו דער ריינער חכמה, און מסתמא אויך ניט די לעצטע. זיי האבען נאר נאך אמאל באשטעטיגט אן אלטען אמת, אז צוויי כחות באאיינפלוסען דעם מענשען צו וועלען באריכערען זיין וויסען:

דער ערשטער, וואס ווארפט זיך צומיינסטען אין די אויגען, איז, דאס שטרעבען צו מאטעריעלען וואויל־זיין.

מחמת קיין לעבעדיגע זאך קען נישט עקזיסטירען קיין איין סעקונדע עס זאל נישט פארצערען ארומיגע געגענשטאנדען לטובת זיך, — מיינט "לעבען" ממילא "מלחמה מיט'ן ארום", און "וויסען" הייסט פשוט "קענען דעם שונא'ס פאזיציע";

און מחמת דער מענש האט, לויט ביאלאגישע געזעצען, שוין לאנג געדארפט האבען אונטערגעגאנגען, ווייל יענע באדינגונגען, וואס האבען דערמעגליכט דעם מענשענ'ס עקזיסטענץ און פרוכפערונג, עקזיסטירען מעהר היינט נישט אויף אונזער ערד. פונקט ווי עס זענען נישט פאראן די באדינגונגען, וואס האבען דערמעגליכט דעם עקזיסטענץ פון אנדערע הונדערטער טויזענטער פאר־מבול'דיגע חיות, און ער וואלט טאקע געווען אונטערגעגאנגען ווי אלע דערגענערירטע חיות, ווען ער וואלט נישט געווען בעסער ווי זיי געוואוסט, ווי אזוי צו באנוצען זיך מיט זיין שונא (דעם ארום) לטובת זיך, איז ער ממילא געבליבען אנגעוויזען בלויז אויף דעם איינעם לעבענסגעווער 'וויסען' און דערפאר זיין כסדר'דיגען יאגען זיך נאך וויסען.

אבער מיר קענען נישט באשליסען, אז דאס איז די איינציגע סיבה, וואס טרייבט דעם מענשען צו וועלען באהערשען דעם אוצר פון זיין וויסען, ווייל, ווען דאס וואלט אזוי געווען, וואלט מען איצט אין רוסלאנד פארשפארט צו פארדאמען די וויסענשאפט לשם וויסענשאפט. עס וואלט פשוט אזא וויסענשאפט אויף דער וועלט נישט געווען. און דער פאקט איז גראד א פארקערטער: גאנצע הונדערט פראצענט פון די ליידענשאפטליכע פארשער זוכען כלל וכלל נישט קיין פראקטישע נוצען פון זייער ארבייט. נאר טוען עס פשוט לשמה און עס איז גאר נישט קיין גוזמא צו זאגען: אז מיליאנען מענשען זענען שוין געפאלען און וועלען נאך פאלען אלס קרבנות אויף דעם מזבח פון וויסענשאפט.

עס ווערט ממילא קלאר, אז, ווען בלויז די מאטעריעלע נויטען זאלען זיין די סיבה פון אונזער דראנג נאך וויסען, וואלטען מיר פונקט אזוי פיעל געוואוסט ווי אלע אנדערע חיות.

מיר מוזען, אלזא, קומען צום באשלוס, אז אונזער דראנג נאך וויסען שטאמט אפ פון עפעס א מין זעקסטען חוש וואס איז ביי חיות נישט פאראנען. און דאס איז דער חוש פאר פילען דעם אוניווערז, דער חוש, וואס מאכט אונז פיהלען די הארמאניע צווישען אונזער איך און דער ארומיגער וועלט, וואס מאכט אונז פיהלען אלס א קליינער טייל פון דער גרויסער אונענדליכקייט.

דער חוש איז, אלזא, דער היפך פון לעבען, אדער, בעסער, דאס, וואס שטעהט איבער דעם לעבען: אין דער צייט ווען "לעבען" גיט אונז צו פיהלען אונזער קריעג מיט דעם ארום, אונזער דיסהארמאניע מיט דער וועלט, טייטשט אונז דער דאזיגער חוש אויס. די וואונדערבארע הארמאניע, וואס ליגט אין דער אויבענאויפיגער דיסהארמאניע. און טאקע דאס טרייבט אונז צו וויסען, צו קענען, אדער ליעב האבען דעם אוניווערז, ווייל 'וויסען' און "ליעב האבען" זענען סינאנימען אין דער אלטער העברייאישער שפראך; און מיט רעכט, ווייל מיר קענען דאס, וואס מיר האבען ליעב און מיר ליבען דאס, וואס מיר קענען.

דער דאזיגער חוש איז, פונקט ווי אלע אנדערע חושים, נישט ביי יעדען גלייך אנטוויקעלט. ביים דורכשניטס מענש איז דער דאזיגער חוש כמעט גארניט אדער אויף גאר א קליינעם אופן אנטוויקעלט און ביי איינצעלנע אויסנאמען איז דער דאזיגער חוש זעהר שטארק אנטוויקעלט. מיט יאהרען צוריק זענען די דאזיגע יחידים געווען רעליגיעזע פיהרער, היינט זענען זיי וויסענשאפטס־פארשער.

אבער, אזוי ווי די וועלט ווערט נישט געפיהרט לויט קיין פאראויס באשטימטע כללים, איז עס גאנץ נאטירליך, אז פיעלע אומוויסענדע מענשען זאלען באזיצען זעהר א שארף אנטוויקעלטען זעקסטען חוש און דוקא פיעל געלערנטע זאלען דעם חוש נישט האבען.

באקומען מיר דאריבער צוויי טיפען געלערנטע, וועלכע איך האב געפונען צום באקוועמסטען צו קאטעגאריזירען אונטער די צוויי נעמען: געלערנטע און תלמידי חכמים.

דער אונטערשיעד צווישען זיי ביידע איז זעהר א גרויסער: זיי זענען ממש דער היפך איינער פון צווייטען.

דער תלמיד חכם איז דער, וואס האט דאס לערנען געמאכט פאר זיין אינערליכען מהות. וואס מעהר ער לערנט, אלץ מעהר ווערט ער צוזאמענגעבונדען מיט דעם אוניווערז, אלץ מעהר הארמאניע צווישען איהם און דער וועלט. און אלץ מעהר ליעבע פארמאגט ער פאר דעם קאסמאס און אלץ מעהר חסד שיינט אראפ פון זיין פנים און אלץ ווייטער ווערט ער פון אלע שפל'ע מדות רעות. ווייל זיין דראנג צו לערנען איז געקומען פון יענעם געטליכען פונק, וואס טיילט אויס דעם מענשען פון דער חיה, אזעלכער בלייבט דערפאר שטענדיג א תלמיד, שטענדיג גרייט צו לערנען.

דער געלערנטער זוכט זיין ברויט דורך וויסען' זיין "לערנען" איז בלויז זיין "געווער", אבער נישט "ער אליין". דערפאר, וואס מעהר ער לערנט אלץ צינישער ווערט ער, אלץ געפאלענער.

דערפאר האבען די אלטע חכמים געמאכט אזא געוואלדיגען אונטערשיעד צווישען "תורה לשמה" און "תורה שלא לשמה", און דערפאר האבען זיי אזוי פארדאמט דעם "עושה ממנה קרדום", ווייל דעם לעצטענס לערנען שטאמט אפ פונ'ם אומריינעם קוואל, פון יענעם טייל, וואס דער מענש איז גלייך מיט דער חיה.

און דער בראצלאווער זאגט אין זיינע תורות, אז ס'איז מעגליך, אז א מענש זאל עוסק זיין כל ימיו בתורה און דאס גאנצע לערנען זאל אריינפאלען אין די הענט פון דער סטרא אחרא.

צו אונזער באדויערען ווערט דער טיפ "תלמיד חכם" אלץ זעלטענער און געלערנטע אלץ מעהר.

די ווערט פון "תורה" איז ביי אידען שטענדיג געשטאנען אויפ'ן העכסטען ארט בלויז דערפאר, ווייל זי האט זיך הויפטזעכליך באשעפטיגט מיט דעם ווי אזוי זאל דער מענש זיך אויפפיהרען. ד. ה. ווי אזוי דער מענש קען זיך ברענגען אין הארמאניע מיט דער אונענדליכקייט, ווי אזוי צו זיין דער אמת'ער תלמיד חכם. דעם סתם געלערנטען האבען אידען שטענדיג מבזה געווען.

איך געדענק א אידען, א גרויסען למדן, פאר וועלכען קינדער האבען אפילו נישט געהאט קיין אפשיי. דאמאלסט איז עס מיר פיעל מאל זעהר קשה געווען. היינט דערמאן איך זיך אז דער דאזיגער איד איז נישט געווען קיין תלמיד חכם, נאר א געלערנטער.

און אפילו ביי אונז אידען, דאס כמעט טראדיציאנעלע פאלק פון תלמידי חכמים, ווערט איצט דער טיפ אלץ זעלטענער: ניטא מעהר דער מתמיד, דער בטלן וואס פלעגט לערנען גלאט אזוי אן א "תכלית". איצט זוכען שוין אפילו אידען א תכלית און אויב אידען טרייבען היינט מיט אלע כחות זייערע קינדער אין אוניווערזיטעט איז עס בלויז צוליעב דער סיבה, ווייל דער געלערנטער האט אויסזיכטען נישט צו געהן אין שאפ, אבער אהן א סימן פון יראת הכבוד.

חבל על דאבדין; א שאד, וואס דער תלמיד חכם געהט אונטער.

ווי באריהמטע מענער האבען זיך באקענט מיט זייערע פרויען

ניט נאר אין לעבען פון געוועהנליכע בשר ודם'ס נאר אויך אין לעבען פון באריהמטע מענער שפילעט די חתונה א וויכטיגע ראלע. כאראקטעריסטיש איז אפט דער אופן, אויף וועלכען זיי האבען צום ערשטען מאל געשלאסען באקאנטשאפט מיט יענער פרוי, וואס איהר גורל איז שפעטער געווען אזוי ענג פארבונדען מיט זייער גורל.

גלאדסטאן האט געזעהן זיין פרוי, ווען זי האט נאך געהייסען מיס גלין, צום ערשטען מאל ביי א מיטאג.

— זעהט איהר דעם יונגענמאן דארט? — האט געפרעגט א מלוכה'מאן די דאמע, וואס איז געזעסען נעבען איהם, אנווייזענדיג אויף גלאדסטאנ'ען — ער וועט אמאל זיין ענגלאנד'ס פרעמיער־מיניסטער.

נאטירליך איז דער אינטערעס פון דער דאמע צו דעם דאזיגען יונגענמאן געווארען דורך דעם געוואלדיג גרויס. ווען זי האט איהם דעם פאלגענדען ווינטער ווידער געזעהן אין איטאליען, איז פון ביידען געווארען א פאר פאלק, וואס האט געלעבט גליקליך א סך יאהרען צוזאמען.

גאנץ אנדערש איז געווען ביי דיזראעלי'ן, וואס איז פון א ניט מעהר יונגער אלמנה באוואונדערט געווארען אזוי העפטיג און פון איהר באשיץ געווארען מיט אזוי פיעל צארטע אויפמערקזאמקייט, אז ער האט סוף כל סוף נאכגעגעבען און חתונה געהאט מיט איהר, אייגענטליך געגען זיין ווילען.

לארד סאלוסבורי האט באקומען זיין פרוי נאכדעם, ווי אפהיטענדיג שטרענג א נדר, האט ער א גאנץ יאהר זיך ניט געקימערט וועגען דעם מיידעל, וואס איז געווען די אויסדערוועהלטע פון זיין הארץ. ,,אויב דו וועסט מיך נאך דער דאזיגער צייט — האט די פארזיכטיגע דאמע געהאט געזאגט צו איהר פארעהרער — נאך פונקט אזוי ליידענשאפטליך וועלען האבען פאר א ווייב ווי דאס ווייזט אויס צו זיין איצט דער פאל, דאן בין איך גרייט צו פאראייניגען מיין גורל מיט דיינעם".

היינטיגע וואך אין די טעאטערס

אין ראיעל אלעקסאנדרא

"דערצעהל ענגלאנד" איז דער נאמען פון בילד, וואס ווערט געוויזען די וואך אין ראיעל אלעקסאנדרא, און עס איז ווערט מען זאל עס דערצעהלען דער גאנצער וועלט.

די שרעקען פון מלחמה און די בולט'ע שלום פראפאגאנדע זענען אין דעם בילד אזוי שארף ארויסגעבראכט געווארען, אז קיין פילם, קיין בוך און קיינע פאסיפיסטישע רעדעס קענען זיך מיט דעם נישט פארגלייכען.

מיט אפענע מיילער און פארכאפטען אטעם זיצען די דערשטוינטע צושויער פון דעם אנפאנג ביז דער ענדע פון בילד, ווען אן איינזאמער הילצערנער קרייז באצייכענט דעם פלאץ אויפ'ן חרוב'ען גאליפאלי האלב אינזעל. וואו אזוי פיעל יונגע לעבענס זענען פארלארען געגאנגען, אזוי פיעל ווארים בלוט פארגאסען געווארען, און אלץ וואס פון דעם איז פארבליבען, איז דער הילצערנער קרייז, מיט זיין אויפשריפט: — "דערצעהל ענגלאנד, אז מיר זענען געפאלען פאר איהר".

מיט זיין לעבעדיגען רעאליזם, מיט דער אויסגעצייכענטער דורכפיהרונג און מיט דער שפאנענדער געשיכטע, וואס ווערט נישט איבערגעריסען אויף א מאמענט דורך אויפשריפטען אדער זייטיגע סצענעס, איז דאס בילד איין גרויסער געשריי צו דער וועלט: "דערלאזט נישט, אז אזעלכע שוידערליכקייטען זאלען זיך איבער'חזר'ען".

דער פראלאג, א באזונדער בילד, וואס שטעלט פאר פיער געוועזענע סאלדאטען טרינקענדיג "א טאוסט לכבוד די, וואס האבען זיך נישט אומגעקערט", איז א צוגעפאסטער אריינפיר צו דעם בילד און ער טייטשט אויס קלאר זיין מיינונג.

אין דאטשעס טעאטער

"אפשר איז דאס ליבע" הייסט דאס בילד וואס איהר קענט נאך זעהן היינט און מארגען אין דאטשעס, און איהר ווערט פארזיכערט, אז יא, און נאך וואס פאר א ליבע.

ליעבהאבער פון ליבע און פון ספארט טארען דאס בילד נישט דורכלאזען. און באזונדערס די, וואס האבען ליעב א געזונטען און הארציגען געלעכטער, ווייל פון

בי אלע מינים געפינט איהר אין דער מעשהבים.

פון אקאלערדזש ביים באל טים. וועלכער פארליעבט זיך, אלע עלף צוזאמען אין איין מיידעל און געווינט די וויכטיגע גיים.

דזשאאן בענעט איז ווירקליך ווערט מען זאל זיך אין איהר פארליבען, ווען זי שפילט איהר ראל אלס נען שעפילד, די הויפט העלדין פון דעם בילד.

דאנערשטאג, פרייטאג און שבת צייגט זיך אין "דאטשעס" בארבארא סטענוויק אין "10 סענט א טאנץ". צווישען די 10 סענט און די טענץ שפילט זיך אפ א טראגעדיע מיט א מענשליך נשמה, וואס צאפעלט זיך אין איהרע ליידען, ביז זי קומט ארויף אויפ'ן ריכטיגען וועג.

סצענעס, לעבעדיגע, טאנצענדיגע, באגלייט מיט ריטמיש צאפלענדיגע מוזיק בייטען זיך מיט סצענעס פון עלענד און דראנג נאך ליעבע.

עס לוינט זיך צו זעהן "10 סענט א טאנץ".

אין אימפעריאל טעאטער

אין "יונגע זינדער", וואס געהט די גאנצע וואך אין אימפעריאל, ווערט ארויסגעפירט א צאל ארטיסטען, וואס זייערע נעמען אליין זענען גענוג צו מאכען א דערפאלג פון בילד. טאמאס מיהען און דאראטי דזשארדען זענען צוויי פון די, וועלכע ווייזען אונז אונזער מאדערנער יוגענט, וועלכע שטעלט אונזערע מאדערנע עלטערען אין פארלעגענהייט.

אמת, עס ווייזט זיך ארויס, אז די זינדיגע זענען גאר ניט אזוי זינדיג, אבער פון אויבען אויף האט איהר קיין זכות אין בארעכטיגונג צו געפינען פאר די "יונגע זינדער".

אויסער דעם בילד גיט די "אימפעריאל" אויך א רייכען פראגראם אויפ'ן סטיידזש.

אין ליבערטי טעאטער

"אלאהא" איז א בילד פול מיט קאמף און ליבע. עס קעמפט די ציוויליזירטע וועלט געגען דער ווילדער. פרייהייט פון גייסט געגען געצוואונגענע פארמען פון לעבען, א פרוי פאר דאס רעכט צו לעבען און ליבען איהר מאן און קינד. און דער קאמף ציהט זיך פון א ווילדען אינזעל איבער ימים ביז צו דער גרויסער שטאדט און רייכער געזעלשאפט און צו־

"אלאהא" געהט אין "ליבערטי" בלויז היינט און מארגען.

דאנערשטאג, פרייטאג און שבת קומט אין ליבערטי דאס בילד מיט'ן נאמען: "באגייסטערונג", אין וועלכער די געפעהרליכע גרעטא גארבא צייגט אונז א מיידעל פון אונגעצוימטער נאטור, וועלכע זאגט זיך אפ פון איהר גליק צוליעב'ן גליק פון דעם, וואס זי ליבט. דאס בילד איז פול מיט מאמענטען פון פרעהליכען לעבען און פיהרט ארויס אויסער גריטא גארבא א צאל שעהנהייטען פון ביידע געשלעכטער.

אין גארדען טעאטער

בלויז היינט און מארגען קען מען נאך זעהן אין "גארדען" טעאטער דאס באריהמטע מלחמה בילד: — "העלס ענדשעלס", א דראמע וואס שפילט זיך אפ אין דער לופטען און אין די הערצער פון די העלדען.

דאנערשטאג, פרייטאג און שבת צייגט זיך אין "גארדען" טעאטער א צווייטע בארימטע בילד "וויענער נעכט". א סענטימענטאל בילד פון אן אומגליקליך ליבע, איז עס פול מיט שעהנעם געזאנג און מוזיק. דאס פרעהליכע לעבען פון ווין און ניו־יארק שפיגעלט זיך דא אפ אין א רייהע פון פראכטפולע בילדער.

אין קאלערדזש פלעי הויז

היינט און מארגען ווערט אין קאלערדזש פלעי הויז געגעבען א רייכע פראגראם. צוויי בילדער, וואס שטעלען צו אלץ וואס א הארץ פארלאנגט: געשפאנטקייט, געלעכטער, סענטימענטאלע מאמענטען און פלוצימדיגע איבערראשונגען. די צוויי בילדער זענען "גענג באסטער" און "ראננא", א קאמבינאציע, וואס מוז יעדען צופרידענשטעלען.

אין לאוס טעאטער

די אידישע שוישפילערין, וואס האט אין א קורצע צייט זיך דערווארבען פאפולערע אנערקענונג און באוואונדערונג, נארמא שירער, איז די הויפט ראל שפילערין אין "פרעמדע מענען קושען", וואס געהט די גאנצע וואך אין לאוס.

אויסער דעם בילד איז דא א שעהנער פראגראם אויפ'ן סטיידזש.

פון ניו יארק קיין אייראפע
5 טעג אויפ'ן ים
דורך שערבורג — 6 טעג דורך ברעמען
אויף די שנעלסטע סטימערס אויפ'ן ים, די
ברעמען און יוראפא
אדער פארט מיט דעם פאפולערען עקספרעס סטימער
— קאלומבוס —
אויך רעגעלמעסיגע וועכענטליכע אפריזונגען מיט גוט־באקאנטע לאיד קעבין ליינערס
שטרענגע כשר'ע קיך.
פאר אינפארמאציע ווענדט זיך צום לאקאלען אגענט אדער
NORTH GERMAN LLOYD
1178 PHILLIPS PLACE. MONTREAL, QUE.

טאראנטא מיוטשואל קאאפעראטיוו
קרעדיט קארפארייזאן לימיטעד
אנאנסירט
א קאפיטאל פאנד דרייוו
צו פארדאפלען דעם קאפיטאל
פון דער קארפארייזאן
די קארפארייזאן איז רעארגאניזירט און אויסגעשטעלט געווארען אויף א פעסטען פינאנציעלען באזיס מיט א
קאפיטאל פון 160 טויזענט דאלאר
און א רעזערוו־פאנד פון 60 טויזענט דאלאר
צו דעקען אלע מעגליכע פארלוסטען פון שלעכטע אקאונטס.
נייע מיטגלידער, וואס אינוועסטען איצט געלט אין דער קארפארייזאן, קריגען אויסער די רעגולערע דיווידענדס, אויך א חלק אינ'ם רעזערוו־פאנד
דער פרייז פון שערס איז 10 דאלאר
אלע אינוועסטמענטס זענען געזיכערט דורך דעם גאנצען פארמעגען און דעם רעזערוו־פאנד פון דער קארפארייזאן.
די "טאראנטא מיוטשואל קאאפערטיוו קרעדיט קארפארייזאן לימיטעד" איז ניט קיין פריוואטע אונטערנעמונג, נאר א קאאפעראטיווע אינסטיטוציע. יעדער מיטגליד האט גלייכע רעכטע אין באשטימען די פארוואלטונג און געשעפטען פון דער ארגאניזאציע און קריגט א פראפארציאנעלען טייל פון די פראפיטען.
די קארפארייזאן געפינט זיך איצט אונטער א פייאיגער און פאראנטווארטליכער מענעדזשמענט און איז גרייט צו דינען די מיטגלידער אין זייערע באדערפענישען.
קומט אין אפיס און אינפארמירט זיך וועגען אלע איינצעלהייטען. שרייבט אונז און מיר וועלען אייך צושיקען א פינאנציעלען סטייטמענט.
הענרי ס. ראזענבערג, פרעזידענט.
מאריס אלטמאן, סעקרעטאר.
אפיס שטונדען: — שבת — פון 10 פרי ביז 1 נאכמיטאג.
טעגליך — פון 10 פרי ביז 8 אווענט.
TORONTO MUTUAL CO-OPERATIVE CREDIT CORPORATION LTD.
340 SPADINA AVE. Phone TR. 3700

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

בענעט וועט פארלייגען בודזשעט פאר'ן פארלאמענט ענדע וואך

וייטערדיגע ענדערונגען אין טאריף דערווארטעט. — סיילס טעקס געהעכערט ביז פינף פרא־צענט. — טאריף וואנט געגען די שטאטען. — פארצוג געגעבען אימפארט פון בריטי־שער אימפעריע. — 100 מיליאן דעפיציט אין פארגאנגענעם יאהר.

קאנאדעס אינדוסטריעס צו פראפיטירען פון נייעם טאריף

אטאווא, מאי, 25. — פרעמיער בע־נעט וועט דאנערשטאג אדער פרייטאג די וואך פארלייגען פאר'ן פארלאמענט דעם בודזשעט פאר'ן קומענדען יאהר. כאטש די פרטים ווערען נאך דערווייל געהאלטען בסוד, ביז זיי וועלען נישט פארעפענטליכט ווערען אין פארלאמענט, איז אבער גענוג שוין באקאנט, צו קענען זיך שאפען א פארשטעלונג וועגען דער ריכטונג פון דעם בודזשעט.

פרעמיער בענעט וועט זיך דארפען רעכענען מיט דעם פאקט, וואס דער פארגאנגענער פיסקאלער יאהר איז פארענדיגט געווארען מיט א דעפיציט פון הונדערט מיליאן דאלאר, און דער פארגאנגענער בודזשעט וועט דארפען באזארגען א פארגרעסערטע איינקאמע, וואס זאל דעקען דעם דעפיציט, אויך פאר'ן קומענדען יאהר.

דער בודזשעט וועט טראגען אויף זיך די מאטא: "קאנאדע צו אלעם ערשטען". און ער וועט צילען צו באשיצען די אנטוויקלונג פון קאנאדא'ס נאטירליכע רייכטימער, צו פארזיכערען, אז קאנאדע'ס רויע מאטריאלען וועלען באארבייט ווערען אין קאנאדע, צו באשיצען קאנאדער פישער, פארמער, מינען אינהאבער און פאבריקאנטען פון אויסלענדישער קאנקורענץ. און אין דער זעלבער צייט צו באשיצען אויך דעם קאנאדער געברויכער פון צו שטארקער עקספלואטאציע מצד די, וועלכע וועלען פראפיטירען פון טאריף.

דער פרעמיער וועט אנאנסירען א טענדענץ צו העכערען דעם אלגעמיינעם טאריף. וויכטיגע אזעלכע ענדערונגען וועלען געמאכט ווערען עטליכע הונדערט, וואס ריהרען אן אלע גרופען פון געשטייערטע סחורות. די ענדערונגען זענען נאך אלץ אויבענאויפיגע. א פאלשטענדיגע און ענטגילטיגע רעוויזיע פון דעם טאריף וועט די בענעט רעגירונג דורכפירען נאך דער אימפעריאלער קאנפערענץ, וואס וועט פארקומען, ווי עס ווייזט אויס, נישט פריהער ווי אקטאבער.

דערווייל ציעלט דער טאריף צו טרעפען באזונדערס דעם אימפארט פון די פאראייניגטע שטאטען, וועלכע קען דערפאלגרייך קאנקורירען מיט דער קענעדער אינדוסטרי צוליעב זייער גרויסען היימישען מארק, וואס דערמעגליכט א מאסען פראדוקציע. עס וועט אויך אפשוואכען די קאנקורענץ פון אזעלכע לענדער, ווי בעלגיע, וואו די שכירות זענען אונגעפער א 40 פראצענט פון די שכירות וואס ווערין געצאלט צו קענעדער ארבייטער. און דאס גיט זיי א מעגליכקייט צו עקספארטירען קיין קענעדע סחורות, וואס וואלטען אין קענעדע פראדוצירט געווארען, ווען נישט זייער קאנקורענץ.

קיינע וויכטיגע ענדערונגען ווערען נישט דערווארטעט אין דעם טאריף בנוגע סחורות, וואס קומען אריין פון לענדער פון דער בריטישער אימפעריע. און פון לענדער, וואס האבען א געגענזייטיגען אפמאך מיט קאנאדע וועגען אימפארטירען סחורות פון איין לאנד אין אנדערען.

פון די אינדוסטריעס, וואס וועלען באזונדערס פראפיטירען פון די נייע טאריף העכערונגען, וועלען זיין די תבואה, מילך, פלייש, פרוכט פראדוקציעס, פאר וועמען עס וועט ברייט געעפענט ווערען דער היימישער מארק, דורך פארשווערען דעם אימפארט פון די שטאטען. עס ווערט דערביי אנגעוויזען אז אין דעם פארגאנגענעם יאהר איז קיין קאנאדע אימפארטירט געווארען פרוכט פאר 21 מיליאן דאלאר, פון דעם פאר 17 מיליאן פון די פאראייניגטע שטאטען. פאר איבער 5 מיליאן דאלאר פלייש, 3 מיליאן דאלאר קארן, 13 מיליאן דאלאר תבואה און תבואה פראדוקטען, אויסער 137,000 דאלאר אימפארטירטע מעהל. ווען דער הויכער טאריף וועט פארשווערען דעם אימפארט פון די ארטיקלען, וועט דאס שוין שאפען אן אפענעם גרייטען מארק פאר קאנאדער פראדוצירער.

דער טאריף וועט דארפען אויך געבען א מעגליכקייט פאר דער אנטוויקלונג פון דער קאנאדער טעקסטיל אינדוסטריע, ווען זי וועט אפהאלטען דעם אימפארט פון טעקסטיל סחורות, וואס האבען דורכ'ן יאהר באטראפען 130 מיליאן דאלאר. בלויז זאקען האט קאנאדע אימפארטירט פאר דעם יאהר פאר 2 מיליאן דאלאר.

די קוילען און שטאל אינדוסטריעס אין קאנאדע דערווארטען געווינסען פון דעם טאריף, ווי אויך די פאפיר און מאשינען אינדוסטריעס.

פארטיידיגענדיג דעם בודזשעט וועט פרעמיער בענעט אויך ענטפערען אויף דעם פארוואורף, אז דער געהעכערטער טא־

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

פארטרייבט באנדיט און קריגט פון איהם א קוש

וואנקואווער. — א העלדישע יונגע פרוי באגעגנט א באנדיט, און אהן געוועהר אין האנט טרייבט זי איהם ארויס און דער באנדיט שאצט אפ איהר העלדישקייט.

אזא געשיכטע, ווי פון א מאווינג פיקטשור ארויס, איז דא געשעהן מיט מיס האגלאנד.

מיס האגלאנד איז מיט איהר מוטער און א פריינדין געשלאפען ביי זיך אין הויז. אויסער זיי איז קיינער אין הויז נישט געווען.

א באנדיט איז אריינגעקראכען אין הויז דורך אן אפענעם פענסטער און האט זיך פארטשעפענדיג אן עפעס אויפגעוועקט מיס האגלענד. דער באנדיט איז געבליבען שטעהן, נישט וויסענדיג, וואס צו טאן. מיס האגלענד האט קאלטבלוטיג איפגעעפענט פאר איהם די טיר און האט איהם געבעטען ער זאל שוין ארויסגעהן.

יענער האט זיך העפליך פארנייגט, און האט זיך געלאזט צום טיר. ביים טיר איז ער אויף א ווייל געבליבען שטעהן, האט איהר איידעל אנגענומען "פאר די הענט, האט א קוש געטאן אין די ליפען און איז פארשוואונדען אין דער נאכט.

פירער פון ארבייטס־לאזע קעמפט געגען זיין דעפארטירט ווערען

אשאווא. — אי. מק'דאנאלד, גוט באקאנט צו אשאווער איינוואוינער אלס "עדי", וואס איז געלאפען פאר מעיאר אין 1930, הויבט יעצט אן א קאמף געגען דעם דעפארטמענט פון אימיגראציע, וועלכער וויל איהם דעפארטירען.

מק'דאנאלד האט זיך בארימט געמאכט אין אשאווא אלס אנפירער פון די ארבייטסלאזע. ער האט איז הערבסט און ווינטער פיעל מאל אויפגעטראטען אויף מאסמיטינגען און דעמאנסטראציעס פון ארבייטסלאזע, און רערענדיג וועגען זייערע נויטען, איז ער שטארק אנגעפאלען אויף געזעלשאפטליכע טוער, פאר זייער נאכלעסיגקייט און אומפעהיגקייט צו העלפען די ארבייטסלאזע.

די קלאגע אויף וועלכער ער דארף דעפארטירט ווערען זאל זיין דאס, וואס ער פארדינט נישט און קען פאלען צו לאסט אויף די עפענטליכע אינסטיטוציעס. ער דערצעהלט אבער, אז ער איז קיין מאל נישט אנגעקומען צו צדקה. ער ארבייט פאר א לאנגע צייט ביי די דזשענעראל מאטארס. און אויסער דעם איז ער א געבוירענער קאנאדער.

דער דעפארטמענט פון אימיגראציע דערקלערט אבער, אז זיי האבען באוויזען, אז מק'דאנאלד איז געבוירען אין ענגלאנד און אז ער איז איינמאל שוין דעפארטירט געווארען פון די שטאטען קיין ענגלאנד.

LOEW'S
היינט און די גאנצע קומענדע וואך.
די בארימטע אקטריסע
נארמא שירער
— אין —
"סטרענדזשערס מעי קיס"

J. BURSTEIN & CO.
ARTIST DECORATORS
PAINTING - PAPER HANGING CONTRACTORS
ספעציאליסט אין דעקארירען היימען, טעאטערס, שולען א. ד. ג. מיט די לייטעסט סטייל גלייזינג און דעזיינינג ארנאמענטאל פריי האנט ארבייט. די בעסטע מאלערייען פון לאנדשאפטען. אויך וואונדערבארע סטאקא ארבייט. קיין דזשאב איז צו גרויס אדער צו קליין.
פאלשטענדיגע צופרידענהייט.
מעסיגע פרייזען. עסטימייטס פריי
283 גרייס סטריט. טעלעפאן מעלראז 6767.

LAKESIDE HOUSE JACKSON'S POINT P. O. ONT.
מר. און מרס. אלספעקטער, פראפס.
דיזער האטעל איז באקאנט צו די טויזענטער אידען וואס קומען יעהרליך פאר זייער וואקיישאן. דיזער האטעל איז בארימט פאר ריינליכקייט און כשרות. נאר די בעסטע שפייזען ווערען דא סערווירט. ספעשעל רייטס פאר דזשון. פאר רעזערוויישאן
MR. M. ALSPECTOR,
Telephone "Sutton" or write LAKESIDE HOUSE
Jackson's Point P. O. Ont.



סאלפער
ספרינגס האטעל
אין פרעסטאן
דערעפענונג מאי 24
ספעשעל רעדוצירטע
פרייזען פאר דזשון
פריי טראנספארטיישאן צוויי מאל א וואך.
שעהנע רומס, גוטע בעדער, געזונטער קלימאט און פרישסטע בעסטע מאכלים סטריקטלי כשר.
סאלפער בעטס זענען רעקאמענדירט פאר די פאלגענדע קראנקהייטען: רומאטיזם, לאמבעגא, ניורייטיס, סייעטיקא, אין אלע פארמען פון ארטרייטיס, גאוט, פעטקייט, נערוועזער צושטאנד, שלאפלאזיגקייט, א. ז. וו. בעסטע באקוועמליכקייטען און צופרידענהייט גאראנטירט. פאר אלע אינפארמאציעס און רעזערוויישאנס קאן מען זיך גלייך ווענדען צו 43 סיסעל סט. טעלעפאן טריניטי 8694.
SULPHUR SPRINGS HOTEL
PRESTON, ONTARIO

STANDARD THEATRE
דער בארימטער ראמאנטישער שוישפילער
סעמועל גאלדענבורג
וועלכער האט זיך ניט־לאנג אומגעקעהרט פון זיין דערפאלגרייכען טור איבער דרום אמעריקע. וועט אויפטרעטען מיט זיין אריגינעלער קאמפאניע
בלויז פאר איין פארשטעלונג
דאנערשטאג אווענט, 28־טן מאי
א י ן
א מענש איז ניט
-קיין סלאך-
פון ה. קאלמאנאוויטש. באזארגט זיך מיט בילעטען.
מיט דער מיטווירקונג פון: — אנא נאטאנזאן, ראזא גרינפעלד, גוירטי וויניק, יעטא צווערלינג, דוד דענק, חיים טויבער, סימאר רעכטציייג, ראובן וועננדארף און מ. האניגמאן.

היינט אווענט 8.30
ROYAL ALEXANDRA און די גאנצע וואך
ענגלאנד' עפישע דערגרייכונג אויפ'ן לייוועגט
TELL ENGLAND POWERFUL INTENSELY GRIPPING
ANTHONY ASQUITH'S
סענסאציאנעלער פילם טריאומף פון ערנעסט ריימאנד'ס גרויסע דערצעהלונג פון רומפולער ראמאנטישער יוגענט.
לעבעדיג פארקרפערענדיג ענגלאנד'ס ווילדסטע.
פראכטפולסטע אונטערנעמונג — גאליפאלי.
מאטינע — 25ס. און 50ס. אין אווענט — 50ס., 75ס. און $1.00
אלע פלעצער רעזערווירט — 2 מאל טעגליך — 2.30 — 8.30.

HOWARD HUGHES'
Thrilling Air Spectacle

גארדען טעאטער
קאלעדזש און ספעדיינע
מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך
מאי דער 25־טער, 26־טער
און 27־טער
„העלס
ענדזשעלס"
די בארימטע בילד, וועלכע האט געקאסט מיליאנען צו פראדוצירען.

אנטאריא דזשאקי קלוב
וואודביין פארק—טאראנטא
ספרינג מיטינג
מאי, 23־טען ביז מאי 30־טען
ערשטע רייס 2.30 נאכמיטאג יעדען טאג
(דעילייט סייווינג צייט)
איינטריט $1.75 און רעגיערונגס טעקס.
A. E. DYMENT, PALMER WRIGHT,
סעקרעטאר. פרעזידענט

אפ טו דעיט
$2 טאקסידא $2
צו רענטען
אויך קאמפליט אוטפיטס
מיר גיבען א שעהנעם דרשה געשאנק צו חתנים. וועלכע ברייגנען אויך זייערע מחותנים.
— פריימאן ברידער —
571 יאנג סטריט קינגסדייל 3270.

THE GREATER Imperial THEATRE
אנפאנגענדיג פרייטאג.
צולאזונגע יונגענט פון 1931
מאדערנע יונגענט . . . צולאזונג . . .
לעבען פריי . . . רעוואלטירען געגען
מאדערנע עלטערן.
פיטשורענדיג:
טהאמאס מיהען דזשיימס קירקוואוד
דאראטי דזשארדען סעסיליא לאפטום
הארדי אלברייט
„יונגע זינדער"
אויפ'ן סטיידזש:
„ פליהט אהיים" סילוויא פרום
מיט רעי טיעל קאנארדס טייבעלאר
קעניג פון דזשעז דריי עליסאן שוועסטער
מערי ריער מיידלאך
עקסטרא אטרעקשאן
הערי וועב און מילטאן דאגלעס
אלעס פאר א שפאס.

WARNER BROS. present
MAYBE IT'S LOVE

Duchess Theatre Dundas & Markham
מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך
מאי דער 25־טער, 26־טער און 27־טער
דאס בארימטע ספארט בילד
אפשר איז דאס ליבע
דאנערשטאג, פרייטאג, שבת
"10 סענט א טאנץ"

LIBERTY Theatre Dundas & Spadina
ליבערטי טעאטער
(דאנדעס און ספעדיינע עווענו)
מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך
מאי 25, 26, און 27
בען לייאן
— און —
ראקוועל טארעס
— אין —
„אלאהא"

College Playhouse קאלעדזש פלייהאוז
מיידזשאר און בראנזוויק עוו.
מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך
מאי דער 25־טער, 26־טער און 27־טער
גרויסער דאבעל ביל
דזשעק אוקעי
— אין —
„גענג באסטער"
— און —
„ר א נ ג א"

PEERLESS ELECTRICAL CONTRACTING Co.
עדעלייד 3758 טריניטי 7332
לאזט נישט דורך די געלעגענהייט. ספעציעלע רעדאקשאנס אויף אלע מינים עלעקטרישע וויירינג אין הייזער.
פעקטארי פאוער אינסטאליישאן, טעאטער און סאונד אינסטאליישאן
אלע ארבייט גאראנטירט
פרואווט אונז אויס. עסטימייטס פריי. טאג און נאכט סוירוויס.
הערי ליפאווסקי.

לעזט דעם „אידישען זשורנאל"